STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04981

# DO GEYT OYF DI ZUN

Shlomo Warzager

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. וואַרזאַגער

*

# דאָ גייט אויף די זון

שלמה וואָרזאַגער

# דאָ גייט אויף די זון

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1975

W

SHLOMO WORZOGER
Do geit oif di Zun

I. L. Peretz Publishing House,
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

שלמה וואָרזאָגער
דאָ גייט אויף די זון

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31, תל־אביב

©
נדפס בישראל תשל"ה
Printed in Israel 1975

דפוס „אורלי", תל־אביב

דאָס בוך איז דערשינען מיט
דער הילף פונעם יואל
גאָלדמאַן קולטור-פאָנד ביי
דעם ארגון יוצאי לובלין אין
ישראל.

# דא גייט אויף די זון

# דא גייט אויף די זון

דאָ גייט אויף די זון.
גרויס
און קלאָר
ווי דיין נויטווענדיקייט.

דאָ גייסט דו אויף:
וונדיק-וונדערלעך-לעגענדיק
אין שאָטן פון א בוים
אַ וואַקסנדיקן, גיפטיקן.
דאָ גייסט דו אויף:
אַ בינטל האָפענונג,
אַ פינטל בלוי,
אַ צווייגל
אויף די ליפּן
פון אַ ים קריצנדיקע ציין — —

כהרף-עין
גייט אויף די זון דאָ:
אַ חלום איבער בערג אומקום,
אין די שויבן — גאָלד.
קום, לאָמיר אויפקלויבן
די שטויבן
ליכט.
לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן דעם אויפגאַנג.

## הפקר־שטח

איצט איז אָוונט.
קעמל־האָרביק וויגט זיך הפקר־שטח
אין ציטערניש אין בלויער.
א בוים,
א בודד
מיט שטערן אַ באַהאָנגענער.

טויזנט אויערן בין איך —
דאָ גייט נישט אויף קיין פעלדגעזאַנג:
עס רעגנט
מיט מורא־טראָפּנס אויף מיין לייב
אַ צוגעפּאַסעוועטער צום שווייגער
דעם שטאָלענעם,
דעם קאַלטן.
גאָטס האַנט איז דאָ מינירט
און דאָמינירט
אַ הפקר־פּאַס:
טעג ווי קברים,
נעכט —
קאַטאַפּאַלקן.

דאָ גייט נישט אויף קיין ברויטגעזאַנג.
אין קאַרגן שטערנליכט איך זע:
אַ שלאַנג
אַ דראָטענער ראָלט
און קנאָלט,
בייכלט זיך אויף פיסלעך שפּיציקע מיליאַרדן:
דאָ גבול'ט
ישראל — עבר הירדן.

## ערב־טאָגיק

ערב־טאָגיק:
העכער האַלבער יובל.
דער אומרו איז דאָ
סטאַטיש —
(הגם כעסיק)
און די רו איז
פּראָבלעמאַטיש —
און די לאָגיק
איז
נישט משיג —

די פרייד איז יונג דאָ
פאַרשלאָגן מיט אַ דינעם טרויער —
טריט נאָך אַ לוויה.
סכנה
אין כסדרדיקן דויער
דערשיינט דאָ,
ווי אלישע
איבער יינגל־יתום:
מיט זיין אָטעם
איז דעם טויט מחיה.

צוזאַמענדיקע
איז אַ יעדער דאָ באַזונדער.
העכער האַלבער יובל —
זע, באַוונדער:
דאָס געדייען,
דער דינאַמישער ווירוואַר
סובל,
גובר
איז
די געפאַר.

ערב־טאָגיק:
העכער האַלבער יובל.
איז די שעה איצט טראַגיק
(אויך דער שונא ווייסט עס)
מיט
אחרית — — —
און מיט נס
פון בראשית.

## יום העצמאות

דעם טאָג וועל איך טרויעריק זיין.
פון הימל נידערן צו מיר קולות,
פאַלן, פאַלן — אָפּגעבראָכענע שמות:
— פאַר וואָס פון פלייש-געביין געבליבן קויל איז?
— די נשמה וויים נישט, ווו איר היים איז?

כיי, אָפּגענומען וואָלסט אויך מיין זכרון —
אַ וואָרעם אין אַן אויסגעהוילטן שאַרבן.
כ׳וועל דיך, גאָטעניו, אַן אייביקייט מיט יאָרן
האָבן צו געדענקען. דיך נישט לאָזן שטאַרבן.

דעם טאָג זיין וועל איך מיט דיר נאָר.
אין איינעם מיר׳ן קלעטערן אויף בערג:
וואָס העכער, העכער — גרונטלאָזער דער תהום איז.
מתפלל זיין צום נס פון דיין געווערק
על בלימה: אויף קבר אָפּענעם פון זייערע חלומות;

...אין בלוט און בלאָטע אויסגעשמירטע טאַטעס.
פאַרוויינטע אויגן, קינדיש-ריינע, הייסע —
מאַמעס שלאַבריקע, קנאָכיקע אין שמאַטעס
געשטאַרקטע פון בטחון און — תעניתים.

פון איין עק הימל לײדיקן צום צווייטן,
ווי אַ שיכורער כ'וועל שפּאַנען —
אין ים־שפּיגל זען כ'וועל ס'פּנים דאָס צעצווייטע
פון אל נקמות און אל רחום וחנן.

דעם טאָג וועלן ביידע מיר אין איינעם
זיך איינהאָרכן אינעם עולה זיין פון קולות:
— זע, ווידער גייט אַ לעבן אויף אין טאָל פון ביינער
זאָג איך. דו ענטפערסט מיט אַ קרעכץ: „אַז ווי און וויל איז
מיר זאָל זיין פאַר דיינע יונגע ביינער."

## דאָ אַ רעגן

דאָ אַ רעגן מיינט נישט קיין טרויער.
נישט דאָס גריליקע זעגן דעם אומעט.
ער קומט, ווי אַ ליכטיקע בשורה,
אַ מלך
מיט מענלעכן שטורעם
צו שטילן ערדישן פלאַם —
אַ יעדער טראָפּן איז חיות,
סוד פון באַשאַף.

דאָ קומט ער „נאַשפּיץ” צו רייטן
אויף טויזנט צעהירזשעטע פערד,
געבייטשט
פון פריילעכע ווינטן:
מיט אויפברוך פון הימלישע שפּונטן,
מיט אויסגוס פון ימישע תהומען,
מיט פלייצן,
מיט שלאַקסיקע שטראָמען
עס זאָלן די טרוקענע העלדזער
פון גרונטן
אים טרינקען ווי וויין.

דאָ טראָגט ער אין לופטיק-בריליאַנטענע
פֿאַלעם
די פּילונג
פֿון פּרילינגס צעגרינטע:
פֿאַר פֿעלדער געשמידטע
אין גלײַיקע רײַפֿן פֿון זון —
דאָס וואַקסן.
אַ יעדער טראָפּן —
נישט מיט גאָלד צו דערוועגן:
סאַראַ קאָסמישע פֿרייד,
סאַראַ געגאַרטער באַגעגן —
דאָ אַ רעגן.

## יום כיפור תשל״ד

מיט מעסערס צייניקע געשניטן האָט די בשורה און געזעגט
דעם גוף און גייסט פון טאָג — מלא סליחה און גדולה.
פון הימל טראָפּנט בלוט. די נעילה־זון גענייגט
האָט קאָפּ צו ראַנד פון נאַכט — אַ שווידערלעכע, דולע.

פאַרגליווערטע די שעהן הענגען. אַ נייער ונתנה תוקף:
געשפּענסטער גרויליקע די לופט זיי טרייסלען אויף.
די לויטערקייט דערהויבענע זי נידערט תיכף
אין תהום פון אימה, רייסט פון אינעווייניק אויף.

אַן אָרעאָל פון שאָטנס פינצטערט אין מיין ראיה.
כאָטש ברעמען שליסן זיך — רינט אויס דאָס שלאָפן.
פאַרענדערט כ׳פּנים פון אַרום ווערט מניה וביה.
אַ צרעת פרעסט די לעצטע ביינער פונעם האָפן.

מיין דאַזיין איז אַ צילברעט אַ צעלעכערטע פון קוילן.
אויף חלום־פעלד באַגערן פאַלן — זאַנגען אינעם שניט.
פייער־רויזן שפּראָצן אויף פון בלוט. און פוילן
וועלן ביימער יונגע אין סאַמע בלי און צוויט.

★

אויפגעריסן האָט דער טרויער ווענט און דלת-אמות.
אַ גורל-חופּה, אַ צעריסענע, פֿאַראייניקט די אבלים:
אַ שווייגן אויפצופלאַצן פֿון כלות, טאַטעס, מאַמעס
שרייט אַרויס דערוואָרגן; שלום, שלום, שלום!

## זיי זענען געלאָפן און געברענט

זיי זענען געלאָפן און געברענט.
ברענענדיק געלאָפן קעגן ווענט
פון צעגליטן אייזן און פון שטאָל,
און פון קאַלטער שינאה.
אין טאָל
צופוסנס פון הר־סיני
איז אויפגעגאַן אַ ליכטיקער געשפריי:
צעפלאַמטע אויגן
און לוחות צוויי.
און אַלע „לאוון".
פייל פון בויגן,
געטראָפענע פון פלישתימס קוילן־רעגן
מיטגעלאָפן זענען און געברענט,
ברענענדיק געלאָפן
מיט אייך, מיט אייך אויף אַלע מידבר־וועגן
צו די אין־סופן...
...און דער מידבר אין זיין שיינקייט
געטלעכער
הערלעכער,
פאַרגליווערטער —
איז געשלאָפן.

און איר וואַכט,
געדייעט אין זיכרון פון אַן אומה:
אַז זוויל איז איר מיט אַזעלכע זין.
אַ לעגענדע וועט דור איין, דור אויס
זיך וועבן,
אַן אייביקייט:
זי וועט אייך אַלע אַרבן.
נאָר די, וואָס נערן זיך מיט ליבשאַפט
צום לעבן,
קענען אַזוי שטאַרבן.

# טעג

טעג — לײדיקע װאַגאָנעם — מיט קריציק־ראַציקן גערױש
איבער חלום־פּעלד פון מײַן באַנומען שװײַגן.
געכט — צעריסענע פּלאַנדעקעס. עס שטאַרט אַרױס
אַ נאַקעטע האָפן, אַ בױם מיט אָפּגעהאַקטע צװײַגן.

שעהן קרעכצן, לעכצן אין װײַכע, האַלב־לײדיקע בעטן.
לאַסט געכפּלטע; באַגערן הײסע און טױט־געשפּענסטער.
פון ספערן, ספירות הימלישע פּאַראײַנזאַמטע פּראָפעטן
אױף שאָטן־לײמוערס נידערן צו ערדיש ליכט אין פענצטער.

מבוכה־װינט. גליִבן־גלאָװניע זשאַרעט, צאַנקט און ציט
אַרױף, װי רױך אין פּראָסט דורך קוימען פון זיכרון־תהום.
דער דװיער בױערט, װי אַ שרױף זיך אײַן אין מח, אין געמיט
און ס'װײַנט די טרײסט — מאָרגנקינד אין װינדל־װאָלקן פון
אָטאָם.

אַ מאַסקאַראַד פון גײַסטער קראַנקע אַרום עגל — חי־שעה.
צו מאָרד און מאָלצײַט פּעטן איז פּלינק און לאַנג דער אָרעם.
װעל איך, אַ זון פון דור התקומה מיט ײדישן הװי־דאָ,
אָן עדות זײַן פון שקיעה? צום עגל פּאַלן כורעים?

★

פֿון ווייטע, ווייסע וואָלקן־וועלדער מיט שטרייפֿן וויאָלעט־רויטע
וויקלט זיך אַן אינדערפֿרי אויס — אַ חלום אויף דער וואָר.
ער וועט תּמיד בלײַען אין געדעכעניש פֿון טויטע.
אָ, זע, באַוווּנדער: עס שוואַנגערט אויך מיט אים מײַן דור.

## איך רעד צו אייך

קינדער מיינע טייערע, חברים, ברידער —
שאָטנס ליכטיקע צווישן בערג, אין טאָלן און אויף נאַקעטע
פּלאַכן:
איך רעד צו אייך מיט בלוטשטראָם שוימיקן פון לידער.
איר — מיט אַ לשון אַ שטומען פון דערנער: מיט אַ דממה
דקה קול פון שטויבן גילדענע און ויילן ליכט. זיי ברעכן
זיך הינטער לאַסט פון יידיקייט. שווידערלעכער שיינער
מדבר. קאַלטע שטערן אין די נעכט. ווייטיקלעכע־ווייסע מרומים
אין די לאַנגע טעג. די זון — אַן אַקס אין פייער.

ווי שפּירהינט שנאַפּן חושים נאָך די שפּורן פון ביינער,
בלוטפלעקן פרישע און אויסגעדאַמפטע, זיסע ריחות.
אינעם אָפּהילך פון אייער הויכן, גבורהדיקן שווייגן,
אין ניט־ווערן און געווערן אייערן מיר נתגלה איז דער שייכות
פון אייניקלעך און באָבעס, מאַמעס, נישט מיד געוואָרענע פון זייגן,
קאָרמען אייך מיט ברויט אויף וואָג און פודן גלויבן.
אבות — אויסגעקוילעטע אין דער „נאַכט פון לאַנגן מעסער".
זייער חלום בויערט, דויערט דאָ אין אייך — שטויבן
גילדענע צערייסט דאָס האַרץ פון גאָט הינטער זיבן שלעסער.

*

שלאָפט רואיק קינדער מיינע, טייערע חברים, ברידער.
ס׳לשון ס׳אָנמאַכטיקע שטומע פון נשמות איך טו פאַרנעמען.
מיט וואָקאַל און טראַף צוימען עס אין מיינע לידער,
אייער לעבן נישט פאַרשעמען.

## נתן אַלבאַז*

ווי נאָענט, אייגן איז דיין לעבן מיר געוואָרן
נאָכן טויט —
ווייטער ברודער מיינער פון מאַראָקאָ.

גאַנץ, מאָנומענטאַל אויסגעוואָקסן ביסטו
נאָך דיין צעשטיקלונג —
יונגער ברודער מיינער פון מאַראָקאָ.

ווייל און ווי איז צו וואַרעמען ביים פלאַם
פון דיין תמים־האַרץ, פון ליבשאַפט אַ צעריסנס,
מיינע פינגער
קאַלטע,
ווי די גלייכגילט אַרום דיין גרויסן טויט.

אַ שטראַל דיין אייביק לעבן איז
אין פינצטערער פאַרגעסעניש פון צייט.
דיין בלוט, בענקשאַפט נאָך שלום,
קאָכט אויף דאָס שווייגן.

ווער האָט עס דיינע צוואָנציק פרילינגס
אָנגעקאָרמעט מיט אַזויפיל לעבן
אַזוי צו קענען שטאַרבן?

* דער חייל נתן אַלבאַז 21 יאָר אַלט, פון מאַראָקאָ, האָט אויפגעריסן זיך אַליין מיט אַ גראַנאַט, כדי צו ראַטעווען דערמיט זיינע חברים.

(פון דער פרעסע)

....קומט, ווערטער מיינע, חיילים.
לאָמיר בייגן די קעפּ פאַרן פרישן בערגל:
זיך אָנצינדן מיט יאָרן פון זיין נישט געלעבטן לעבן
און אויפרייסן דעם חלום
פון אַ גלויבן.

## ימים נוראים

אלול אין דער פרי. אַ ווינטל מיט אַ ריח האַרבן קילט
די הויט אַדורכגעזומערטע פון היגער היץ:
ערב־אָוונט. פייער־וואָלקן. זונפאַרגאַנג. ווידער שפּילט
ימים־נוראימדיק אַ ציטערניש, אַ זיסע, אויף. כ'זיץ

אויף באַלקאָן מיט שאָפּענהויערן אין האַנט. הער
פון תמוז־אָב די טריט די שווערע — חיילות באַזיגטע:
מיט עצבות פייערלעכער, יראה און התפּעלות ווער
איך שוואַמיק־שווער, טרויעריק און טרעריק. אַ פאַרוויגטער

פון אַ יונגן ניגון, וואָס מאַכט נעענטער מיר די עלטער
הענג איך צווישן אינדערוואָכן און עשרת ימי־תשובה:
ווייסע זאָקן, שטעקשיך. געוואַנדענע קאַפּאָטע. קעלטער
ווערט אַצינד דאָס בלוט אין אָדער. ביי דער הרובע

מאַמע זיצט פאַרזיפצט ביי מחזור. מיט ליפּן פרומע,
געזעטיקט פון תעניתים און הונגעריק צו תפילה. אויף אַ נסתר־
לשון רעדן אירע אַלע ביינער אויסגעדאַרטע, קרומע;
— אַ לויב דיר, גאָט, דיין ליכטיקייט אין וועלט דער
גויאיש־וויסטער.

✶

ווי עכאָם געקייטלטע דורך יאָרנוואַלד, אַן אָפּגעזענקטן,
דערגייען צו די אויערן מיינע האַלבע, גאַנצע קולות.
טעג מיט ציטער זיסן, יום־הדיניקע, פאַרבענקטע
צינדן שרפות אָן. דער געררך — פון אַש און קויל איז.

## מיין טאַטנס נדר

אין אַ וואָלקן האָב איך אים געזען
דורך אויסגעבלויטע שויבן.
אַ וואָלקן
פון גליענדיקע שטויבן.
און איידער כ׳האָב באַגריפן;
וואָר, צי חלום —
האָב איך שוין דערקענט אין קול אים.
— ווי שיין עס בליט דיין אַלעאַנדער
און דיין חלום, וואָס דו האָסט פאַרזייט דאָ.
ווייסטו כאָטשבי, אַז מיין טויטער יחוס קאָרמעט ביידע?

ווי קאָכעדיקער בוימל אין געפּעסן
זאָל מיין קללה אייביק זידן.
און דו האָסט פאַרגעסן,
אַ בריק פון פרידן
פאַרוואָרפן
צום באַרג
פון דייטשישע מאַרקן. —

אַ שטורעם פון שווייגן
האָט מיין שטויב אַהער געבראַכט
צו באַרעגענען מיט בראָך דעם סיני.
ווייניקער פון שטויב ביסטו.
איבערגעקאָכט
די מאָנונג פון דיין אייגן בלוט האָסטו
אויף מטבעדיקן מיני.

## עולים

איך קוק אויף די שיפן און קאָן נישט באַנעמען,
צי גייט אויף דאָ אַ חלום צו ברעמען,
צי שיפלט פון אויג דעם פריידיק-צעשיינטן
אַ טרער זיך אויף „על נהרות" נישט דערוויינטן.

די וואָר — דער שענסטער נס פון די נסים
מאַכט בולט די זעאונג, דעם חלום פאַרגעסן.
אַ לאַך פון אַ קינד. אַ זקנישער קאָפּ איבער באָרטן
טראָגט בליציק מיך איבער צום „דאָרטן".

ברידער
אָרעמע, מידע,
פאַרהונגערטע אין גלויבן,
זאַט מיט מרידה.

איך קוק אויף די שיפן און זע
די גרוים פון דער רגע און אייגענע
קליינקייט אין ים פון געשען

און איך שטרעק
מיינע הענט
צום ברעג
פון אַלצייטיקע שטראָמען.
קלייב אייך
אַזוי ווי איר גייט מיט געפּעק —
פּערל
נאָך אויסגוס פון ימישע תהומען.
און איך צי מיינע הענט צום ליכט פון שווימענדיקן טאָג —
אויך פאַר די, וואָס דאַרפן ערשט קומען.

## אין פייער

דער הימל אין רויכן, די פעלדער — אין פייער.
ווער האָט עס, ווער האָט עס טויזנטער גייער
אין אַנגסטיקן פלאַנטער פאַראייניקט,
אין אַנגסטיקן פלאַנטער — פאַרווייניקט.

די ערד אונטער פיס — אַ שיף אין אַ שטורעם.
איך וויג זיך. אַ זויגלינג געבונדן צום אָרעם
מיט מײלעכל, ווי אַ פישל באַוועגט עס.
די מאַמע, די מאַמע — זי מונטערט און וועקט עס,
קוקט אין די אייגלעך, פרעגט זיך, וויל וויסן
צי — — — נאָר פלוצעם פאַרהאַקט, אָפּגעריסן
דער פרעגערינס אָטעם אויף שטענדיק
פון עפּעס אַ בריאיקס, טויטלעך־און־בלענדיקס.
אַ הייטל אַן אייזיקס איר הויט איז פון אויבן.
די אויגן, די אויגן — פאַרקאַלעכטע שויבן.

וואָס זענען יסורים, וואָס זענען דען ווונדן?
אין מיטן פון חרובער וועלט ליגסט געבונדן
צום געוויין פון אַ זויגלינג — אַ זעגן פון גרילן
און האָסט נישט מיט וואָס אַזאַ הונגער צו שטילן.

טויט איבער טויטן נצחונט. צווישן אברים, גופן
מאַמע בלייבט ליגן. פון כחות לעצטע גערופן
כ׳גיי ווייטער. אויף אָרעם דאָס פּיצלס, ווי אַ קמיע.
אַ וואַלד האָט געברענט. ס׳באַלייכט אונדז דאָס פייער.

אַ מענטש אין בלוט ליגט — צעריסן אויף צווייען.
יאָמערט ס׳חיות אין אים מיט לעצטע געשרייען.
אַ צעוווּנדיקטער פּרוּווט ער אַ הייב טאָן זיך, לויפן
און פאַלט שווער אַנידער צוזאַמענגעהויפנט.

רויטאַרמייער: שרידים פון גאַנצע אַרמייען
שטומען, ווי קברים. באַוואַכן די רעשטלעך טראָפּעען.
הינטער זיי — דערפער פאַרברענטע מיט פערד און מיט פי.
אַ פויערטע צלמט זיך. לויפנדיק פאַלט אויף די קני.
אַן אָקס ביי אַ נאָזרינג געשלעפט וויל נישט גיין מער.
קענטיק צעטומלט פון פייער און היץ פון די ביימער
אין פלאַקער געטונקען פון שפּיץ ביז די שטאַמען.
און אויף מיר עם פלאַקערט דער שאַרבן — אַ מאַמען
וון נעמט מען, ווו נעמט מען מילך אַ ביסל, אַ טראָפּן
דאָס חיות פון אָרעמען זויגלינג דערכאַפּן:

אַ זויגלינג מיט זקנישן וויינען, מיט ניאַנטשען.
אַז ווייי דיר — אין בראָך אין גרעסטן פון מענטשן
געבוירן. אין מיר, דיין געברענגער, פלאַקערט אַ ווילן
צו שטאַרבן. נאָר ווער וועט נאָך דעם ס׳ניאַנטשען פאַרשטילן?

אויסערן וואַלד שוין. וואָס ווייטער — ס'חשכות געדיכטער,
צעשניטן פון שטאָלענע בליצשאַרפע ליכטער.
די אויפרייסן דולע, דאָס וואָיען וויל נישט אויפהערן.
ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך וועט איר געווערן
שגעון־מעת־לעתן? אַ שטים הער איך פּלוצעם אין פיינלעכן יאָמער:
„אוי וויי מיר, אוי וויי מיר — מיין קינד איז נישטאָ מער".

דאָס קול, ווי אַ קויל רוישט אויף די געבליטן.
ווו איז זי? איך שפּיץ דאָס געהער אָן. אין מיטן
געפּלאָנטער, עס שטאַרבן פאַר מיר אַלע אויפרייסן, קולות.
כ'נעם זייטיק דעם כיוון פון וואַנען דאָס קול איז
געקומען. ווו ביסטו פרעמדע, ליכטיקע מאַמע געטרייע?
ווי אַ וואַלדמענטש אויף יידישן לשון כ'נעם שרייען.

אַ קול צו אַ קול האָט גענענט. דערקענט זיך. פאַרברידערט.
צוזאַמען מיר האָבן אין א זייטיקן שוצגראָב גענידערט.
ווי אַ לייבלעכע מאַמע זי נעמט, אָן די מינדסטע הכנות
דאָס קינד פון מיין אָרעם צו בריסטן — פולע לבנות.

אין זכות פון די מילכשנירלעך — הימלישע שטראַלן,
געפינען דעם מילכוועג זאָל ס'קינד, וואָס געפאַלן
אין וויסטער בהלה אויף וועגן פון מיתה משונה'עס.

— — — — — — — — — — — —

איבער דעם שוצגרוב האָט געבלוטיקט אַ רויטער באַגינען.

# דער מילכייד

אַ באָרד אַ פלאַמיק צעשטראַלטע,
אַן אַלטע קאַפּאָטע.

תחילת טאָג.
אַ שוואַלב אויף אַ צווייגעלע היפּערט,
וויל שטערן לעצטן צעפּיקן.
אַ האָן פּאַטשט אַרוים פון פליגל דאָס בלאָ,
די נאַכט מיט אַ קרייען באַגלייט ער —
אין אָט אָ דער שעה
גייט ער,
דער מילכייד מיט יונגע, האַסטיקע שפּאַנען.
אַ קינדער־ווענעלע און מילך אין די קאַנען.
פון וואַנען, פון וואַנען
אַזאַ טראָט, אַזאַ שפּאַנען?
ווער ביסטו?

ווערליק דיין הולך,
פון פּאָלעס דער פּלי — —
אויף פּנים דער שמייכל,
וואָס טוט אַ פאַרמסר —
געשוואָרן איך וואָלט:
דאָס ביסטו,
טוביה דער גלויביקער שפּאַסער.

*

די סוסים, די קי — מיטן רויך
פאַרפלויגן אין הימל העט ווייט...
מיטן רויך אַוועק איז מנחם
מיט זיינע מיליאָנען — —
געבליבן נאָר דו ביסט: דו
מיט די קאַנען.

## ווערטער־טויבן

ווערטער־טויבן.
טויבן — מיינע ווערטער.
איך וואַרעם אייך אויס, פאַר צונויף
פון אַלע ערטער
אין זיכרון.

אייער אומקרייז,
פליגל־פאָך
אַרום בוים צעבליטן —
מיינע יאָרן —
איז מיר נייטיק, אוי, נייטיק.
פון אייער־לעך אין טויבנשלאַק
פיקט זיך אויס אַ נייער־אַלטער ווייטיק;

פיניעלע דער טויבנכאַפּער.
ער ציט זיי פונעם בוזים.
שמחה וואַסערטרעגער אונטער קעראָמיסל געבויגן,
די לערערין געניע מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן.
ליכט פון מאַרקם און ענגעלם טראָגן אין די שטובן מוז זי.
דער טאַטע יאָגט צו שחרית מיטן טלית אונטער אָרעם.
שמחת־תורה. כ'טראָג אַ שטול אויף קאָפּ אין שול אַריין
צו „כל הנערים."

צוריק אַהיים מיט קלאַטקע־וועג
דעם שמאָלן.
פון ביידע זייטן —
תבואה־פעלדער.
אַ פייגעלע בלייבט שטיין
אויף אַ צווייגל גרינעם.
אַ בייג און אַ הוידע,
אַ פּיק
און אַוועק.

יום־טובים. שבתים. אַלע וואָכנטעג
זענען שוין פון לאַנג
געווייין פון סאָוועס:
... און איך גיי אויף קבר אבות —
פעלד צעבליטן פון זכרון.

## ווען איך הער די סירענעס

כ׳האָב געזען אייך. צום וויפלסטן מאָל געזען האָב איך גיין אייך
מחנותווייז; אַלטע, גאָר אַלטע און יונגע. יונגינקע. פּיצלעך
אויף הענט.
קנאָכיקע, בראָכיקע מאַמעס און טאַטעס, אין שמאַטעס
פאַרקנוילטע, פאַרגרוילטע.
און איך לעב. אָטעם דעם היינט, דעם מאָרגן און נעכטן.
באַוויין אייך
און פּוץ זיך די שיך יעדן טאָג. עס צו דער צייט. ראַזיר זיך
און גיי
צו דער אַרבעט. כ׳זע די רעלסן צעגלאַנצטע פון נאַכטשיין און זון
הינטער וואַגאָנעס פאַרפּראָפּטע, פאַרבלאָמבטע מיט ווי׳
און מיט שוידער. מוראדיק-ליידיקע פעלדער. פאַרטייעטע
שטילקייט. באַראַקן
און אויוונס שטומען ווי קברים. ברענען, שטיקן און באַקן
די לייבער. ווי טאַבונען בראַנדיקע שלינגען און שפּייען
דורך קוימענס גאָרנדיק-לאַנגע אַרויס אייך — ריינע נשמות —
צו הימלען פאַרשאָלטענע, שיינע ווייסע און ווייטע. איך אָטעם
דעם טשאַד, דאָס כאָרכלען, די ספּאַזמע און די לעצטע געשרייען
פון העלדזער פאַרגאַזטע און פרייכנדע מיילער. אַרום איז
אַ שטילקייט מיט מעסער צו שניידן. און איך הער דאָס קריצן
פון ציינער פאַרהאַקטע, פאַרשטשעמטע

און זע אויגן צעגלאָצטע, געפּלאַצטע אין לעכער פון ווייטיק
און פּחד.
פּיס און הענט. פינגער שטאַרע, ווי דראָטן זיך דראַפּען,
קוואַפּען פאַרקלעמטע:
לייבער אין לייבער. ביינער אויף ביינער. אַן אומשולד אַ ווייסע
רייסט דורך רויך־וואָלקנס, שוואַרצע, געדיכטע, אַרויף זיך מיט
דממה
דקה־קולות פאַרקווילטע. אַ טויטלעכע שטילקייט פון לעבנס
באַפרייטע —
תחית המתימט.

און עס וויינען די קופּעס הרוגים אַ טרוקן געוויין עד לב השמים.
און... עס טאָגן די טעג און עס נאַכטן די נעכט. מרומים
קוקן אַראָפּ מיט אַ גלייכגילט אַ קאַלטן, אַז ער, נאָר אויבן קאָן עס
באַנעמען. און איך לעב. פּוץ זיך די שיך יעדן טאָג. גיי זיך
עד היום
מיין וועג. נאָר איין מאָל אין יאָר, יום השואה, ווען כ׳הער
די סירענעס
בלייב איך שטיין. צוויי מינוט פאַרהאַלט איך דעם אָטעם פון
צייט
און כ׳בין עולה צו אייך אינעם קבר דעם לופטיקן, שטומען.

# ירושלים

שלום, שלום ירושלים.
דו אייביקע,
גלייביקע,
וואָרע.

פון פעלדער, הויכקייטן און טאָלן
אַרום הר הבית
ווידער גייט אויף צו מיין ראיה
דיין חסד און דיין חידוש;
ווער האָט לשון?
ווער קאָן מאָלן?

אויסגעגאַנגען ס׳חיות איז מיין זיידן
נאָך אַזאַ עליה.
געקומען בלויז זיין שטויב איז.
שמויבן פון אַ חלום;
אַ באָרד אַ בלויע,
אַלטע ברילן איבער געלן סידור,
זיבן אותיות אין אַן אויסטערלישער חידה —
ירושלים.

אין דער שעה דער אָפענער
גרויס, ווי דער נס פון דיין באַפרייען:
ווייט
און ברייט
אַריבער דעם נײַנאונצוואָנציקסטן נאָוועמבער —

שטיי איך אַ באַנייטער לעם דיר
געטליתט אין בלוי, וואָס איבער הר הצופים
מתפלל כ׳בין צום נס
פון צוויי אלפים.

אין דער שעה דער אָפּענער
פאַר מלחמה, פאַר שלום,
וווּנדיק-וווּנדערלעך, לעגענדיק,
אַ גאַנצע
גייסט אַרויס פון חלום.

מיט לוחות גראַניטענע,
בלענדיק
גייט אַקעגן דיר דער סיני.
און איך פון נס געטראָפן,
ווי פון אַ בליץ,
גיי שיער נישט אַראָפּ פון זינען;

— לאָמיר גאַנץ זיין ווי דו.
— לאָמיר גרויס זיין ווי די שעה.
— די שעה, די גרויסע, נישט פאַרשלאָפן.

## אור־שיינקייט

## צו גאַסט ביי דיינע ברעגן

א

און ווייסט נישט,
צי איז אַ בענקשאַפט באַפאַלן דיך איינמאָליק,
צי האָט אַ חלום צעבליט זיך קרישטאָליק?
פאַרמאַכסטו די אויגן —
ערשט אַ ניגון.
זינגט דאָ ווער לידער?
איז עס אַ נאָכקלאַנג
פון ווייטע באַהאַלטענע כאָרן?
צי זענען דאָס קלאַנגען פאַרליבטע
ווער ווייס וויפל יאָרן,
וואָס פלייצן און קרייצן אַריין זיך אין האָניק פון נאַכט
אין ריטעם פון שטערן?
צי איז עס דער ניגון,
וואָס קוואַלט פון דיין גייסט,
און בלויז דו קאָנסט אים הערן?

*

... ער ריזלט פון זוניקע טיפן
צו זוניקע ספערן
אַרויף, אַרויף מיטן שטראָם פון די בלוטן,
מיט גערויש פון אַ בונטן
פאָנטאַנישן פייער.

— אַ ניגון?
— ס׳אַ ליגן.
עס גייען
אַרמייען
צוריק פון די פראָנטן.
דאָס שפּילן, דאָס טאַנצן אַזוי די אָרקעסטערס
אַן אָפּקול פון דזשונגלען,
דאָס ברילן גאָר לייבן
פון וואַלדישע לענדער,
פון בראשית-מדינות
מיט ווילדן געליאַרעם,
אָן מינדסטן דערבאַרעם
גרייטן זיך וועלט צו פאַרשלינגען.

ב

ווּ בין איך?
ווער בין איך?
אַ זקן, וואָס אָקאָרשט געבוירן?
צי איז עס דער ניגון
און איך בין אַן אָפּברוך,
אַ שפּליטער
פון אים —
דעם ערשטן אור-ניגון, וואָס ווערט איצט לעגענדע,
פאַרהאַלט איך דעם אָטעם פון צייט מיט אַ טראַכטונג,
אַ טראַכטונג — אַ ווּנטש:

*

... פון מיין פליישגעוועב דעם אומרו
שעפּ אַרויס.
גיס אַריין מיך אין דיין שווים
איבערפולט מיט רו.
מיינע רגעס אָטעם איין
און אין דיין לופטיקן שכל
פאַרשמעלצן טו
מיין נאָמען.

„וועק זיך, בן-אדם, איך וויל דיך פאַרשטראָמען
עפן די אויגן, באַפריי דיינע גלידער."
— דאָס האָט אַזוי דער ים
געשפּילט זיין „נישט-פאַרענדיקטע סימפאָניע":
דאָס האָט ער אַזוי, דער ים,
געשטורעמט מיט נאָך נישט געשריבענע לידער.

ג

ים.
אין מיר פּאַלט אַריין די זון.
אין מיר:
דער שטורעם פון די קייקלענדיקע טעג,
די נעכטן
מיט אירע מזלות.
דאָס בנעימותדיקע וואַכן פון זקנים,
וואָס ווילן פאַרהאַלטן דעם אָטעם פון צייט —
דאָס פאַרליבטע שלאָפן פון יונגע פּאָרלעך,
דאָס גרינע געלעכטער פון ביימער און קינדער,
די צאָרנשטיינער
פון נביא.

✶

אין מיר פּאַלט אַריין דער הימל מיט זיין שירה,
די נידעריקייט פון דער ערד מיט איר גאווה.
די בייזע כמורנעקייט פון ווינטער
און דאָס גאָלד פון שוויגן,
וואָס איך שעפּ ביים זומער.
אַלע צייטן טובלען זיך אין מיר.
אַ שפּיגל בין איך פאַר אַ יעדן פּנים.

ד

אויף מיינע זאַמדיקע ליפּן רוען
שיפן. זיי לאָדן אָפּ דאָס געוויש
פון פרעמדע שטעט און לענדער,
לאָזן איבער דאָ די בענקשאַפט
און פאָרן ווייטער.
אין מיין אינעווייניק דער אומרו פון בראשית,
דאָס געוויין פון צעשיידונג —
אין מיינע קנייטשן פון פנים —
די זאָרג
פון מאָרגנקינד,
וואָס וויל גאָרניט געבוירן ווערן.

*

דורך טייכן-אָדערן
שטראָמט די צייט
צו מיר.
אייזקריעס, שטיקער גרונטפעסטן
נאָפּלען אָפּ זיך פון די מוטערבערג
און גלימשן זיך אריין
צו מיר.
אַלע ווינטן האָבן דאָ אַ היים.
אַלע שטערן — געלעגער.

ה

ים.
דאָס בין איך —
נאַקעט, פריי, צעשפּילט און צעשפּיליעט,
טיף און אומבאַהאָלפן
בין איך.
ווי גרויס
אַזוי עלנט.
פון צופיל יאָר
און וואָר —
שווער.
און גוט צו דער קלענסטער בריה,
ווי צו דער זון
און
פאַר הפקרע — הפקר:
פאַר גלויביקע — פרום.

✶

אַלע קולות,
ניגונים,
געבורטוויייען,
טויטגעשרייען —
אַלץ קלאַפּט אָן,
רוט אָפּ
ביי מיר,
אין מיר —
איך בין דער ים.
הענגען הענג איך אין תוהו ובוהו פון באַשאַף
און קאָן זיך אַליין נישט דערטראָגן.

# עס אָטעמט דער ים

אַצינדערט הער איך אָטעמען דעם ים:
ברייט און ברוסטיק, שטיל און טיף
עלעהיי אַ לעבעדיקע זאַך. אַ לאַם
אַ דרימלענדיקער. זיין בויך אין זונענשליף

ער פּאַליעט זיך. מיטנטאָג פון הייסן אָב
האַלט דעם אָטעם איין. די שלווהדיקע רו —
האַרינטע איינציקע אין הימל — קוקט אַראָפּ
מיט אויגן גוטע. אַ קילע וואַרעמקייט, וואָס דאָ

אין חמסין־לאַנד, אין רעגנפליוך איז אַ רבותא,
נעמט אַרום דעם אָנגעשווייסטן גוף. אדם,
חוה — אין פייגנבלעטער פון געוואַנד. די בושה
ווינקט אַפּויער; הי איז דער גן־עדן. אַראָפּ די בגדים.

איינגעשטילט אַצינדערט אַלע תוהו ובוהו'ן
ים — אַ בעט, ווו ס'פּאָרן זיך פאַרליבטע כוואַליעס:
ס'שטראָמט אין מיר אַריין ביז טיפסטע דנאָען
אַ פרייד אַ באַלדיקע. דעם צער דעם קאָסמישן זי איז מגלה.

— — — — — — — — — — — —

פאַרבליפּט, פאַרבלענדט, ווי פון אַ בליץ געטראָפן,
ליג איך ווי דער ים אויף ברעג — נאַקעט, אָפן.

# מיטנטאָג

מיטנטאָג. גרויסער טאָג, פאַרנעמיקער —
יעדער שעה ווײַנט, מאָנט אַ תּיקון.

גרויסער וועג. ווײַטער וועג,
אָן־סופיקער: וווּהין? —
פרעגן בליקן.

די זון איז הויך איבער מײַן קאָפּ.
זי גייט מיטן גרויסן וועג
אין אָפֿענעם טאָג אַרײַן.

קינדער שפּילן זיך אין הויף.
זייער געלעכטער קאָלערט זיך
אַריבער מײַן שוועל.

מיטנטאָג.
גרויסער טאָג.
און איך קלעטער אין זיך,
זוך אַ וועג צום תּמצית פון זײַן ליכט.

***

ווען ס'האָט די מאַמע מיך געבוירן
האָט אַרויסגעוויינט אַ צווילינג:
פלייצט די עצבות דורך צעפראַלטע טויערן
פון אַ האַרץ —— אַ זינגענדיק-צעפרילינגטס.

נאָר בלויע הימלען, פעלזנשפּיצן ווייסן
פון אָדלער-פליגל, וואָס צעשניידן רוימען.
צי קען דען ווער יסורים-טייך דעם הייסן,
וואָס שטראָמט אַ שטילער פון די בלינדע תהומען?

ס'איז שטום די נאַכט און שווער און טיף.
די שטערן — שפּילקע-קעפּלעך. זיי שטעכן די געהירן.
אויף וואַסערן פון האָפענונג הוידעט זיך אַ שיף.
ס'רינט די פינצטערניש דורך פענצטערלעך און טירן.

***

כ'וויים; מאָרגנשטערן אומגעדולדיק וואַרט שוין.
פון זומערטאָג די חמימה וויל מיך אַרומנעמען.
צי וועל איך נישט ביז דעמאָלט שטום פאַרשטאַרט שוין
ליגן מיט אויגנשייבלעך אויסגעקאַלכטע הינטער ברעמען?

## די קרוין

מעגלעך ערגעץ וואַרט אויף מיר די קרוין.
נאָר מיין קאָפּ אַ גראָ־באַקריינטער געבויגן
צו דער ערד איז. אויב איז זי מיינע, וויל איך שוין,
כל־זמן די שיינקייט עולה איז צו מיינע אויגן.

כ׳זע דעם שפּיץ באַרג: אַ לעבנלאַנג איך גלעטער,
טרינק די קילע בלאָקייט, ווי אַ שיכור
אַלקאָהאָל. קילער ווערט מיר. ס׳בייט דער וועטער
זיך. און כ׳זינג צום גאָט פון שירה. ער מיין עיקר

איז — דער תמצית פון מיין וואָרט, פון טיפן שווייגן.
כאָטש תמיד איז ער צו מיר שטרענג און קאַרג.
אַצינד ווען ס׳שוידערט שוין דער ווינט אין צווייגן,
גרייכן וואָרצלען מיינע קוים צום מיטנבאַרג.

שווער אַצינד מיין טראָט איז און אַ מידער.
דאָך טרעט דער וווּנדער אַלץ נישט אָפּ פון אויג.
אויפגעגאַנגען איז מיין פעלד מיט לידער.
בין איך נאָכן שניט אַצינד — אַ סטויג.

קאַלטע נעפּלען, ווינטן בייזע, רעגנס
אַרום „סטויג״ אין אַ זינקענדיקן אומעט.
פון הימל האַרבסטיקן, פון אַלע וועגן
יאָגט אַ טרויער אָן און אַ זיסער אומעט.

צום סוף שוין בעתן גרייטן זיך אַהין,
ווו אַלע קערן אום זיך — איידער דעם געבוירן.
פינצטער-קלאָר לויכט אויף דער סוד און זין
פון זיין, וואָס האַלט לעת-עתה אין געווערן.

***

אויב וואַרט אויף מיר די שירה-קרוין
בעת קאָפּ באַשווערט איז און געבויגן,
אויב מיר באַשערט איז, וויל איך שוין,
כל זמן אַ פונק נאָך טליעט אין די אויגן.

## פליגל

ווייל כ׳בין באַשאָנקען, פאַרשאָלטן מיט פליגל
איז שווער אויף דער ערד מיר דאָס גיין.
די זון אין מיין אויג איז אַ בלענדיקער עיגול,
מאַכט פינצטער מיין טראָט אויפן שטיין.

איך וואָס אין וואָלקנס, אין שטורעם אַ קעניג
בין, בליצן מיט פליגל איך צעמעסער,
מוז קריכן, זיך בייגן — כאָטש ווידערשפעניק —
צום מענטש־קראָט, דעם ערדישן פרעסער

פון שׂררה: דולע, פאַרגרעבטע און גלוסטיק,
פון פחד געטריבן זיי האַלטן דעם רודער.
כאָטש אַ געפלאָגטער, אָטעמט פולברוסטיק
אין האַרץ מיר פון גלויבן אַן אָדער.

***

נאָר שפּיצבערג, מרחקים, ימען און רוימען
צו גבורה און שיינקייט פון פלי קאָן זיך גלייכן.
אַן אָדלער נידערט אויך ביז איבער קוימען.
צו אָדלערשער הויכקייט אַ קראָ קאָן נישט גרייכן.

ווייל מיר און גוט איז דער פלי, די פאַרמעסטן
צו פרייזהייט — מיין היימלאַנד — פון קיינעם באַטראָטן.
די, וואָס גייען ווי הינט נאָך דעם גורל — אין נעסטן,
אויסהויכן זיי וועלן נשמות ווי קראָטן.

***

## פרייהייט

פרייהייט. ליבע. ליד. געטינס מיינע. איכישע
מיטאָלאָגיע. איך זינדיק צו אייך. די סטיכישע
שיינקייט אייערע ברענגט מיר דערלייזונג.

קנעכטיש כ׳פיר אוים די קאַפּריזן. די מי
איז ליב מיר. אַליין כ׳האָב די קייטן גענומען.
גלייִקע זון האָט אין סאַמע אינדערפרי
פון מיין לעבן באַלויכטן דאָס טונקעלע חדר
פון האַרץ. אַ שלל מיט שטערן פאַרזייט דאָרט.

גייען פייער־־רויזן אויף דאָרט: בלומען
סמיקע, און אויבעט ווילדער דאָרן.
קברים פון טרוימען, פון חלומות
וואַקסן. אַ שדים־טאַנץ. נישט היגע כאָרן
אָרקעסטערן. אַרום איזליידיק. פוסט
די בינע. און טיף דער תהום איז
פון גלוסטונגען, טרוימען באַגערטע
דערוואָרגן געשריי פון פאַרפייניקטע ווערטער.
און ס׳גלוסט
זיך ניט איין מאָל צעברעכן, צעשטערן
זינלאָזן קרייזגאַנג. אַ שליידער
טאָן ערדקיילעך אין תוהו ובוהו פון איידער
דעם מענטשלעכן ווערן.

*

איז דער ווילן צו שׂכל געבונדן —
אַ פערד צו אַ בוים.
און ספק עפנט דאָס מויל;
קאָן דען דער שׂכל באַנעמען, באַגרייפן
דעם אָנהייב, די סוף'ן פון זאַכן? —

די נאַכט זי נעמט מיך אַרום, ווי מיט רייפן,
פון טונקעלע שלונדן,
טיפע, הער איך דאָס לאַכן,
דאָס קינדישע לאַכן פון טרוים.

## ווייל

ווייל כ׳בין צו דיר נישט געגאַנגען, מדבר —
העראָישער תוהו ובוהו, ווו גאָט אַליין
פאַרזייט
האָט גבורה און אמונה,
ווייל אין כרך צווישן שטאָק און שטיין
צעפּרעסן
פון שלווה סמיקער און רווישיקע מעת־לעתן
כ׳בין געזעסן,
האָסטו, מדבר, אין מיר זיך געשפּרייט.
מיין תבונה — אַ היגל
זאַמד. אַ ווירבלווינט מיינע פליגל
האָט צעבראָכן.

אויף דער אַקס
פון גלייכגילט און גלויבן
פייערט זיין נצחון —
דער ספק:
אַ מילב אין האַרץ דעם פּוסטן, הוילן.
און ס׳וואַקסט
דאָס וועלקן און דאָס פוילן.

## שטילקייט

ווי אַ זון גייסט אויף אין אָוונט פון מיין בלוט.
ווי ווינטלעך אויף באַרגשפּיץ
מאַכסט ווייכער מיינע קאָנטורן.

דיין שווייגעניש צינדט סטאַדעס שטערן אין מיין גייסט אָן.
איך ווער אַ מילגרוים מיט וועלונגען און קוועלונגען
און גרינג, ווי די לבנה אין סוף חודש.

מערסטנס אין די נעכט קומסט
דורך די לאָדנס פון מיין אָפּגעשלאָסנקייט
און שפּאַלטסט מיין שלאָף.

איך ווער גוט. מאָדנע גוט און אומהיימלעך.
כ׳שוידער אויף — אַ בוים פון בליצן אַ געטראָפענער.

שטילקייטן — לאַנען
צעגרינטע אין טונקל פון מיין בלוט.
פּאַשען כ׳וויל אויף אייך מיין ביסל פאַרהאַנען.
מיט ליפּן מידבר־דיקע טרינקען
דעם טוי —
ס׳גאָלד פון אייער קאָלירפול שווייגן.

# איך שווים

איך שווים פון תהומען פאַרפינצטערט צו זוניק באַגילדעטע זוימען פון מאָרגנס.
אַ זאַטער מיט גרוילן, פאַרגלויבט און פאַרהוילן צום ליכט וואָס פאַרבאָרגן
די וונדן און ווייען צעבלאָזן, באַנייען דעם זשאַר פון חלום צעאַשטן.
שלעפּ איך אַרונטער די שטערן — לאַמטערן און צעהענג זיי אויף מאַסטן
פון טעג, מעת־לעתן — שיפן געלאָדענע מיינע אויף ים־פּלאַך פון לעבן.
זיי ציען צום ליכט־פּונקט פאַרנעפּלטן, ווייטן פון הינטער די הימל־געוועבן.

כ׳ווייס: ווייט איז דער ברעג און דער וועג צו אים איז אָן־סופיק
און ווייל איז צום גאַנג און געזאַנג פונעם בלוט — שטראָמיק און סטראָפּיק.
איך זינק און זינג: אַ לויב איז צו דיר, מינוטיקע פרייד פון באַשאַפונג.
מיט אויפהעל פאַרגיסטו די קאַמער פון טרויער און דאָס אויג — מיט פאַרגאַפונג.

כ׳טראָג גלאָבוס אויף קאָפּ. הימל־טעלער מיט אַלע מזלות

— אויף אַקסלען:

דער אייגענער גורל, ווי אַ צווילינג אַ סיאַמער, צו מיר

צוגעוואַקסן,

איז אַ לאַסט מיר. ס׳אַ טראָגן, דרייען אַרום זיך און יאָגן —

אַ חיה נאָך אייגענעם עק.

ס׳אַ שווימען פון תהומען פאַרפינצטערט צו זוניק

באַגילדעטע זוימען פון ליכטיקע טעג.

לײבשאַפֿט

# אויפגעגאַנגען

צו ערשט איז אויפגעגאַנגען אין מיין אויג
די פאַרב: ריחות רויע, רויִקע פון טויען.
נאָך דעם מיך באַזעסן האָט די שיינקייט, ווי אַ רויג,
וואָס מערט זיך אויף די ימיִש הויכע דנאָען.

געצויגן האָט צו דיר מיין גוף און גייסט —
אַ קאַראַוואַן פון מידע, בלאָנדזשענדיקע יאָרן.
פאַרוים פון קאַראַוואַן — אַ וואָגלהאַרץ, אַ היים,
פון ליבשאַפט אַ צעריסנס. צעוווּנדיקט פון אַ דאָרן.

אָנגעשוווּמען ביסטו אין מיין אויג, אַאַזים,
צו מיין חלום־שיף, וואָס זוכט אַ האַפן:
וואָלט בנימצא נישט געווען אַזאַ מין באַזים —
אויסגעדמיונט וואָלט איך אים, באַשאַפן.

# קום

קום, טייערע, איינציקע.
זע, ס׳וויסטעט דאָס הויז —
עכאָס פון קלאַנגגען, פון טענער צעהאַלבטע,
וויגן די צייט
מיט דערמאָנונג.

אין וויטזיין איך נענטער זיך, נענטער צו דיר.
די וויטקייט, זי רעגט —
אַזוי ווי די זון דאָ — וואָס העכער אַלץ הייסער. —
מיד פון דערוואַרטשאַפט איך גיי דיר אַנטקעגן
אַ פולער —
כ׳טראָג ליבשאַפט,
ווי אדם די וועלט אין זיין ריפּ.

קום.
מיט ליכט וואָס מאָרגנט פון טריט דיינע,
איידעלע, שטילע.
כ׳וועל זיך אָנגורטן
און גיין וועל אויף וועגן
אי זאַמדיק, אי פעלזיק.

מיט גוטסקייט, וואָס שטענדיקט אונטער דיין וויע.
צעפּיינט און געדולדיק
באַפּאַנצערן וועל איך מיין עוקץ פאַרהאַנענעם גלויבן
און גיין וועל אויף וועגן
ווייטע און נייע.

קום.
לאָמיר צוזאַמען אויסשטומען דעם וויי פון צעשיידונג.
צוזאַמען אויסווייען דאָס גליק פון באַנייטן שטייגן.

## װאָלט איך צײט געהאַט

װען איך האָב צײט װי גאָט,
שפּיל איך זיך מיט דיר
אַן אײביקײט.
פֿאַר דיר, מײן מלאך
אױף דער ערד,
געקניט איך װאָלט אין גלײביקײט:
מהלך —
פֿאַרצימצומט אין אַ טראָט.

בין דאָך בן־אדם —
אַ חלום פֿון ליבע און ליכט.
דו ביסט מײן שאָטן. —
צוגעטײלט איז אונדז דער טאָג.
די שײן איז קאַרג.
די נאַכט איז לאַנג.
זאָג:
פֿאַר װאָס בעטסטו נישט בײ מיר דאָס לעבן?
אָדער —
גיב מיר דײנס אָפּ אין געשאַנק.

## לאַנג האָב איך צו דיר געברענט

לאַנג האָב איך צו דיר געברענט.
דו גערופן האָסט צו מיר מיט שאַרפע
ליכטער פון אַ וויַיטן שטערן. —
איך האָב דעמאָלט נישט געדאַכט, געדענקט,
אַז מער וועל איך נישט דאַרפן
דיך: דיַינע תשוקות און באַגערן.

ווען ביימער־יאָרן טיף געבויגן
שטייען, אין די קרוינען דרימלט שטורעם
פון נישט אויסגערוישטע לידער,
ערשט דו גייסט אויף — זון אין אויגן.
נאָר מחיה זיין די צווייגן־גלידער
קאָנסט נישט מער; אַלט און טרוקן איז מיין אָרעם.

ווי אַן אינדין אַ דערשראָקענע אַנטלאָפן
ביסטו פון די בליקן מיינע — הייסע פיילן.
איך שטיין געבליבן בין — געטראָפן
פון רשעות און פון תמימות דיינער.
די גלוסטן וואָס דו קומסט אַצינד פאַרטיילן
אַ נוס אַ האַרטע איז — אין אַ מויל אַן ציינער.

## כ'האָב געוואוסט

א

כ'האָב געוואוסט:
אַזוי וועט עס זיין.
כ'וועל טרינקען דעם וויין
פון אַ חלום.
זיך נערן
מיט קוק — אייביק הונגעריקן
פון אומגעזעטיקטער שיינקייט
דיינער.
ווי איינער,
וואָס אַ קישן איז אים די אַליינקייט,
כאַפּט זיך אויף אין מיטן
פון אַ גוטן
חלום
און וויל די אויגן צוריק פאַרמאַכן
ס'זאָל אים
אָפּן זיין דער וועג צו זאַכן:
גרויסע קליינע זאַכן
פון גאָט און מענטש געגעבן,
פול מיט וווּנדער און מיט וויי,
זאַכן,
וואָס אָן זיי
קאָן אַ מענטש נישט לעבן.

ב

כ׳האָב געוווסט:
ס׳האָט געמוזט
געשען.
ווייל אין אָנהייב איז געווען —
דער סוף,
דאָס שיידן.
ווייל ס׳איינציקע, וואָסביידן
בינדט,
איז דער מרחק
פון יאָרן —
אַ באַרג.
איך — אַ מאַן אַן אַלטער אין אַ יונגן פראַק.
דו — אַ מיידלקינד,
אַ הירשיכע, אָקערשט געבאָרן.
איך — אין שפּאַן, אין שווערן, באַרג אַראָפּ,
דו — אַ ווינט אַרויף זיך טראָגסט.
איבער מיין־דיין קאָפּ —
אַ האָריזאָנט
— רויטער זונפאַרגאַנג.
— אַ רויטקייט פון פאַרטאָג.

ג

ווייל דער סוף איז
אין אָנהייב געלעגן,
ווי אַ יאָדער אין אַ קליפּה,
ווי אַ ווערימל אין קאָרע.
נישט מער: מיין עלטער, ווי דער שטייגער,
געצויגן האָט צום מופת
פון דער יונגשאַפט. דיין נייגער —
צו פאַרשטאַנדיקייט, חכמה היפּער
רייפער פון אַ מענטש אין די יאָרן.

ד

מיין ליד דאָס שטילע מוז דיך טרעפן ווי אַ שאָס
פון ערגעצוויַיט: הינטער דיר ס׳מאַכט ציטערן די ערד.
דערשראָקן בליַיבסטו שטיין: אַ וויַיטיק, אַ פאַרדראָס
אינעווייניק גיט אַ צופּ. דיין גליַיכגעוויכט צעשטערט.

איך וועל פון ליבשאַפט, קנאה פריַיען זיך:
אָהאָ, געטראָפן כ׳האָב אין פּינטל אַקוראַט.
וויַיל אַ קאָפּע טאָן מיט פּוס, אָפּדריַיען זיך
מען וויל פון דעם, וואָס איז נישט בהישג־יד.

ווײַס איך נישט: איז טאַקע זיס די ליבע, טיַיער,
וויַיל אָפּגעהאַקט אין מיטן ז׳איז געוואָרן —
זאָל דאָס נישט־דערגרייכטע זיין דאָס פיַיער:
דער נר־תמיד, דער ברענענדיקער דאָרן?

איַינגעשלאָסן ליגסט אין אָרעמס פון אַ מאַן היַינט.
אין ים פון שימחת־בשרים וויל ער דיך פאַרוויגן.
איבער קאָפּ אַ קאַנאַריק אין אַ שטיַיגל וויַינט —
און ס׳קוויקט זיך בעל־הציפור מיטן זיסן ניגון.

ה

כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג,
אַן אָוונט און אַ נאַכט,
געטראַכט
אַ טראַכטונג
פון ליבע און פאַראַכטונג.

פון דיינע בליקן כעסיקע, וואָס פאַלן
אויף מיר ווינקלדיק און שיף,
ווי שטראַלן
פאַרנאַכטיקע אויף שוועלן;
פון פנים דיין פאַרצערטן,
ווו זון און שאָטן יאָגן זיך
נאָך גן־עדן דעם צעשטערטן.
אַ גאַנצע נאַכט,
אַן אינדערפרי ביז העלן
טאָג האָב איך געטראַכט דערוועגן.

אַלע קושן קויפסטו אוים מיט טרערן.
פאַר געלעכטער צאָלסטו מיט האַרב געוויין.
אויף תשוקה־פעלד בליען און געדייען
בלומען סמיקע. אויכעט פלאַנצן
שטילע, היילנדיקע סאָרטן.
דו אליין
ביסט דער שומר פונעם גאָרטן —

מעגסט פאַראַכטן, שמייסן
מיך מיט בליקן פון צעקריגשאַפט.
ביידע ווייסן:
שינאה, רוגז זענען — המשך ליבשאַפט.

## כ׳האָב געמיינט

אַז פון צערטלען אויסגעהויכט זי האָט אין מיינע לידער
די נשמה. ניין. דאָס האָט זי גאָר געכאַפּט אַ דרימל.
אַ צאַנק געטאָן אין אויגן מיינע האָט זי ווידער,
ווי אַ ליכטל פאַרן אויסגיין טויט אַ פלעמל.

דאָס האָט זי גאָר מיט קוש — אַ קאַלטן מעסער —
געטויט די בענקשאַפט. מיך ווי משהן ביים ראַנד
פון לאַנד פאַרשפּראָכענעם געלאָזט. „אַזוי איז בעסער:
נאָר די ליבע, וואָס קומט קיינמאָל נישט צו שטאַנד

אַ האַפט האָט". אין געהיים טויט זי אַ פּאַרוועב זיך
אין די בלוטן עלעהיי אַ שמעטערלינג אין נעץ פון שפּין.
ווײ־און־ווינדער נעץ: גאָר אַנדערש לעבט זיך,
ווען פאַר אויגן אירע צאַפּלט שמעטערלינג און בין.

ווייס איך: מיין לעבן צו דיר ווי אין קאָרטן
פאַרשפּילט כ׳האָב. אין קאָן אַריין דאָך ציט, ווי אַ פאַרברעכער
צום אָרט פון מאָרד. אויב ווייַן פון ליבע אַ מאַן באַיאָרטן
קאָן שיכור מאַכן — איז, אַ סברה, נאָך נישט פול דער בעכער.

***

ווייט פון מיר אַ רויטקייט פלוצעם האָט באַפאָרבן
האָריזאָנט. האָר צעפלאַמטע. זוניק פּנים איבער ים.
טייערע, דו ביסט פאַר מיר נאָך נישט געשטאָרבן.
רעד איך צו דער ערב נאַכט־שעה, שעה פון לעצטן פלאַם.

## אירע רייד

אירע רייד זיסע — קרומע מעסערס אין די ריפּן.
איר שווייגעניש — לבנה־סערפּ איבער מיין האַלדז.
תמיד וויל איך עפּעס זאָגן — גליווערט ס׳וואָרט אויף ליפּן.
זי שטילט דעם דורשט און האָט דעם טעם פון זאַלץ.

זי איז דער שאָטן און דער שפּיגל, וואָס צעצווייט
דאָס פּנים. זי איז דער ים־מרחב מיט פאַרפירטער
שיינקייט. עס שטייגט צו איר — דעם ליכטיקן געשפּריי —
נשמה יונגע אין אַ גוף פון ליבע אַ פאַרווירטער.

מיט פינגער ריידעוודיקע וויל איך נישט־דערזאָגטע ווערטער
אויסשפּילן אויף לייב איר פראָסטיק־פייערדיקן, ריינעם.
ווערט זי פלוצעם חלום. אויסגערונען. עטער.
איך אין אָפּגרונט זינק — אַ ניש־געזעענער פון קיינעם.

וויין איך פאַר דעם וועלטאַל ס׳איינזאַמע געוויין;
„לאָז באַהעפטן מיך אָטאָ דאָ כאָטש מיט באַשערטער״.
נאָר פאַרליבטער — קלינגט אַ בת־קול — נישטאָ דאָ איר געביין:
אונטן איז זי; ים פון טרערן, שוואַרצער פלאַם, פאַרצערטער.

***

איז זי די, וואָס טראָגט די וועלט אין אירע ריפּן?
שווערער פונעם ים און גרינג — אַ ווינטעלע אין קאָרן.
זי איז רויער ריטם. צו פאַרראַטן און צו ליבן
האָט דער שטן און די גאָטהייט זי געבוירן.

## איך האָב צו איר גערעדט

איך האָב צו איר גערעדט,
זי האָט געשמייכלט.
אין די אויגן גרינע — קאַלטער שטאָל
געלאָשענער מיט מאַטן שיין.
„ווילסטו עפּעס זאָגן, פרעגן?"
זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

אַ פאַרשלאָסענע איז זי געזעסן. אַרומגעגדרט
מיט אַ שווערן שווינדלערישן שווייגן.
איך האָב ווערטער געזוכט. זיך געפּעדערט
געפעלן איר. רעכטפאַרטיקן. איבערצייגן

זיך און איר: כ'בין איר נישט אַזוי אומנייטיק,
ווי זי וויל מיך מאַכן מיינען.
אלא מה? לאַכן פון פאַרשטיקטן ווייטיק
איז כאַרוועך פאַר אַ פרוי, ווי וויינען.

*

נישט דיין שווייגן אַרט מיך. נישט די רייד.
ביידע צו אַ פונקט אָן איינציקן זיי צילן:
נישט, אַפּנים, אין ספּעקטאַקל גייט
דיר. דער עיקר איז ביי דיר דאָס שפּילן.

## עפּעס טראָגסט אין זיך פאַרהוילנס

עפּעס טראָגסט אין זיך פאַרהוילנס.
איבערדראַיִק ביסטו און פאַרסודעט.
וויפל מאָל איך פּרוּוו און קאָן ביי זיך נישט פּועלן,
וואָג ניט
צו דיר צוגענענען.ביידע זיך מתבודד
זיין. נאָר קוים דערווייטערן פּרוביר איך,
גיט אַ צי מיך — אַ נאָדעלע צום מאַגנעט.

הויך דיין קאָפּ דו טראָגסט פאַררִיסן.
דיין גאַנג סיי בייגיק איז, סיי שטאָליק.
אַ סך איז ער מבטיח, גאַרנישט גיט ער.
פאַלט דיין בליק — פאַרשאָטנט און קרישטאָליק
אויף עמעצן, טוט ער שטומערהייט צו וויסן:
„ווילסטו מיין געליבטער ווערן? אדרבא,
נאָר קודם ווער איך דיין באַפעלער,
דיין געביטער".

עפּעס טראָגט אַ סוד אין זיך דיין פרִיִע רייפקייט.
ס'זשומעט ווי אַ בין דאָס שווייגן — האָניקדיק און האַרב.
דיין שטאַרקייט און דיין שטייפקייט —
ס'פעלן פון בטחון-עצמי דעקן דאַרף.

## ווייסט עס אוודאי

ווייסט עס אוודאי: דיין אָפּזיין טוט ווײ מיר.
מיט דיר — כ׳בין אַ באַדלער מיט „בלומען פונעם שלעכטס״.
דאָך, דעם שטורעמווינט מוחל זענען ביימער —
נאָכן שטורעם שיינט די זון אויף, העלער זענען נעכט.

אין פאַרנאַכטן שטילע, ווען ליכטער טונקל-בלויע
הילן איין די ערד און הימל — אַ פּרוכת,
צעשפּילן אַלע סטרונעס זיך. איך ווער אַ טויער
פאַר וויבראַציעס קאָסמישע. אומבאַזיגט דער כוח איז.

און ווידער גייסטו אויף אַ יונגע, נייגעבוירענע
אין מיין אויסגערונענעם חלום-אוניווערס.
עס ווידערקערט די שיינקייט זיך, די פאַרלוירענע.
זי גורט מיט ריטם נייעם אָן מיין פערז.

***

באַדאַרפט האָסטו אַ האַפן זיין מיר, לעצטער פּאָרט
פאַר שיף איבער דעם אָקעאַנס טיפן שלונד.
ביסטו גאָר אַ רעגנבויגן אַ צעבליטער — פּאָרט
אַ פרוי — אַ שפּיגל פאַר אויפגעברויזטן גרונט.

## דערמאָנט דיין נאָמען

עמעצער האָט ווידער היינט דערמאָנט דיין נאָמען
און עפּעס האָט אין מיר זיך אָפּגעריסן.
פון וואַנען אַזוי פּלוצעם ביסטו אָנגעשווומען
שיף פאַרלאָרענע? כ׳הייב נישט אָן צו וויסן.

הונדערט מאָל דערוויטערט כ׳האָב, פאַרשאָלטן
די מינוט פון זעען דיך, דערקענען.
און דו — אַ בליץ, הימל כמאַרנעם האָסט געשפּאָלטן,
אין שכחה צעצונדן דאָס גיהנום.

נישט געטרונקען כ׳האָב פון האָניק־קוואַלן
דיינע. נישט געזעטיקט זיך מיט גייסטיקייט פון גוף.
אַ דאָרשטיקער צו ליפּן בין איך צוגעפאַלן.
מיט דאָרשטיקייט געבליבן כ׳בין באַשטראָפט.

ווידער האָט עמעצער דערמאָנט דיין נאָמען
און מניה־ביה דו ביסט פאַר מיר דערשינען.
כ׳וויים: צוריק צו מיר דו וועסט נישט קומען.
דאָך בענטש איך, שעלט איך, די מינוט פון דיך דערקענען.

## דו ביסט

דו ביסט מיט געניאַרונג, מיט צוזאָג און מיט חשד,
ווי אַ בעכער איבערפולט מיט ווייַן און גלאַנץ.
אין דיר די ליבשאַפט איז. אין דיר איז דער פאַרראַט.
אָן איינעם פון די ביידע ביסטו נישט גאַנץ.

טורעמדיקער האַלדז און בוזים. סאַרנע־טריט
רחבותדיק געמייסטערטע. געפורעמט און געטאָקט.
מיט דער לויב און בענטשונג גייט די קללה מיט.
שרפה־טשאַד און פרילינגס־ריח פון דיר יאָגט.

ס׳ליכט ס׳אומדערוואַרטעטע ביסטו און אַלדאָס בייז
פון שאָטן. געניאַל אין דיינע קליינינקע פאַרברעכנס.
איך צאָל פאַר דיר, מטבע פאַלשע, אַ פולן פרייז.
צאָלסט פאַר גלויבן אָפּ מיט פינצטערן פאַרשוועכן.

נאָר —
אַ ראָד איז די ליבשאַפט פון בלוט און באַגער אַ געיאָגטע
דורך וועלדער פינצטערע פון גלוסטונגען און תאוות.
און איך פון זיסער ביטערניש, געוויסן אַ געפּלאָגטער
זוך דאָס ערגעצלאַנד דאָס ניט־פאַרהאַנענע — אהבה.

## כ׳האָב גאָרנישט מער אַצינדערט צו דערוואַרטן

כ׳האָב גאָרנישט מער אַצינדערט צו דערוואַרטן.
דיין האָב־און־גוטס, דאָס שיינע אָפּגעגעבן האָסט אַ צווייטן.
אַ באַרוישטער שטיי איך ביי דיין באָרטן.
יענער, צווייטער, דרינגט אין דיינע אינגעווייטן.

שיף מיט אוצרות ניסתרע, פון מיין האַפן
טראָגסט אַוועק זיך אין ערגעצלאַנד — אהבה.
איך ברען בראשיתדיק מיט פייער פון באַשאַפן.
אַ וויטיקבאַרג איך בין — אַ געלאָדענער מיט לאַווע.

וויפל שטורעמס, בליצן זענען איבער מיר אַריבער;
טוי־טראָפּנס, זון און שטערן אויפגעשווידערט פריידיק
האָבן ס׳לייב. מער פון אַלץ מיך איבערפלוט דיין „ליבער
מיינער". אָן דער שעפּטשעניש בין איך ווידער ליידיק

ווי געוועזן איך בין, איידער כ׳האָב דערשמעקט דיך,
בלום מיין דופטיקע, מיין לופטיקע, מיין קליינע.
כ׳האָב גאָרנישט מער פון דיר אַצינדערט צו דערוואַרטן.
אַ צווייטן אָפּגעגעבן האָסט דיין האָב־און־גוטס און ס׳שיינע.

## ווער?

ווער האָט דעם שד אין אויגן דײַנע אָנגעצונדן.
ווען האָסטו מיטן שאָטן זיך פֿאַרבונדן,
צעשמייכלטע, באַשכלטע, שיינע? צו וואָס
נעמען זיך צו הילף דעם מלאך־המות?

סײַ ווי דײַן קוש פֿון ליפּן הייסע — קאַלט איז.
סיביריש איז פֿון לײַב דער ריח — שנייאיקער צווײַט.
הינטער שניי — אַ ברענענדיקער וואַלד איז
צעפֿאַלן זיך אויף קוילן. זיי ברענען מיר די טריט.

אַרומגענומען כ'בין אין דיר געלעגן. מער ווי איין מאָל
אויסגענאָגט דעם האָניק פֿון אַ יעדן אבר —
נאָר זען דיך איך וויל שוין מער נישט קיינמאָל,
ווי ס'וויל אַ מענטש נישט זען זײַן אָפֿן קבר.

ליבסט און גרויס דײַן תשוקה איז געליבט צו ווערן.
נאָר ס'קאָן אַ רוע־לב נישט הנאה זיך פֿאַרגינען.
עסטו אָפּ דאָס האַרץ זיך. צעפּרעסן ווערן
די תענוגים — קינדער פֿון הונגעריקע מוטערשפּינען.

# לאַנג

לאַנג וועט דיין געשטאַלט מיך נאָך באַגלייטן.
און דיין שמייכעלע וועט לאַנג מיר וויי טאָן.

ווייל פאַרגענגלעך איז דאָס שיינע. אומפאַרבייטיק.
בלייביק איז די עלנט און דער ווייטיק.

ס׳ברענט אוים דער טאָג אין פאַסן בלוטיק־רויטע
נאָך אומקרייז פינצטערן — ער צינדט ווידער אָן די קנויטן.

זאָג: צי האָסט דו טאַקע אויפגעבליצט כדי
תהומיקער אין מיר צו מאַכן ס׳פינצטערע געשריי?

כיי וואָלסטו פון וואָלקנס נישט אַרויסגעמעסערט, —
אין טונקלעניש פאַרשלאָסענער געווען איז מיר בעסער.

## שפעט

ווידער כ׳זע דיין פולע, סענסיטיווע ליפּ,
דיין דינעם בויגעוודיקן גוף און גאַנג.
בניה וביה עפּעם טוט אין מיר אַ צופּ.
אָ, שפּעט. האָסט וואַרטן מיך געלאָזט צו לאַנג.

אויגן־שייבלעך, אָפּגעגאָסענע מיט גאָלד
פון פאַרנאַכטן, זענען שיין און קאַלט.
ס׳זינקט אין זיי דער לעבנסזין, ער מאָלט
אַ שדים־טאַנץ פון וועלונגען אין אויסגעברענטן וואַלד.

עס יאָגן נייע טעג און נעכט פאַרביי מיר,
ווי צו אַ שלאַכט אַ מחנה קעמפער — יונג און רוי.
און איך אַליין צוריק פון פראָנטן גיי מיר. —
שווער מיין טראָט איז. און די שליף איז גרוי.

כ׳בין אַ ברונעם אַן אויסגעשעפּטער. טראָפּנס טרערן
לעצטע קייקלען זיך פון ווענט — מאָביק־טוכלער עיגול.
נישט לבנה קוקט אַריין מער. ס׳פאַלן נישט קיין שטערן.
פאַר פנימער איך בין נישט מער קיין תהום, קיין שפּיגל.

***

שפּעט. צו שפּעט דו ביסט צוריק געקומען.
כ׳קען אַצינד נישט מער, ווי קוויקן זיך מיט מראה
דיינער. אויפגעריסן ווידער האָסט מיין שטומען,
ווי ס׳רייסט אַ בליץ אַרויס זיך פון אַ כמאַרע.

## פון וואַנען

פון וואַנען אַזאַ פּלוצעמדיקע בלויע העלקייט
שטראָמט צו אויגן מיינע? אסור צי איך ווייס.
אַ סברה, אַז חוק פון ליכטיאָר־שנעלקייט
חל איז אויך אויף מוח און אויף גייסט.

ערשט געזען האָב איך דיך אין מרומים
און כהרף־עין ביסטו אונטן: ווי אַזוי און ווען?
כ׳גלייב באמת נישט די אויגן מיינע. נשתומם
בין איך. שטייען ממש נעבן דיר און זען

דיין דאָיקייט. פון הויט און פאַרב דו ביסט, ווי אַלע
וואָס אויף ערד דער זינדיקער געדייען. —
מיר איז נאָך אַמאָל געוואָרן היינט נתגלה
דאָס נסתרע, וואָס ס׳קאָן נישט שכל משיג זיין.

אַז שכחה האָט אויכעט אַ זכרון גריילעך
זיין קאָן. דיין ממשות׳קייט איז איר מחיה: —
דאָס מניה וביה זיין אַ קנעכט און אויך אַ מלך
צו דער ליבשאַפט — איז די בעסטע ראיה.

***

נישט אַנדערש: דאָס יונגע פייער, ריינע, בלויע
פאַריאָגט די שאָטנס האָט פון הינטער ברעם מיר.
דיין האָניק און דיין שטאָך, וואָס תמיד אויף מיר לויערט —
איז אַ בין היינט, וואָס זשומעט און וואָס זמרט.

## קלוג זענען נישט געווען דיינע רייד

קלוג זענען נישט געווען דיינע רייד.
די חכמה איז געלעגן אין דיין לייב
דעם ווייסן;
שניי אָקאָרשט געפֿאַלענער
מיט שרפֿהנדיקער קעלט.

אויג אויף אויג מיט דיר
קורטשעט זיך מיין גייסט;
קליין,
קלענער,
אַ טרעפּ
פון אַ פּיעדעסטאַל
צום מאַיעסטעט,
דאָס לייב דיינס,
דאָס נאַריש־קלוגע.

דאָס האָט קיניגן געמאַכט דיך
איבער מיין גרויסער וועלט.

# באַזוכסטו האָסטו זיך

באַזוכסטו האָסטו זיך אין מיין זכרון.
דו ביסט חלום. איך וווין אין דער וואָר
פון חלום. אין אָפּפלייץ פון יאָרן —
דו ביסט אַ כוואַליע. פאַרשלינגסט
דעם הייסן ברעג. דו, דורכזיכטיקע,
פלאַם פון ראָזן פייער צווישן האַלבפאַרמאַכטע
פינגער. ביסט העלער שפּריי פון פאַרטראַכטער
לבנה אויף צעגלאַנצטן געוועסער.
ביסט דאָס געמעסער
פון שיפן געלאָדענע מיט בענקשאַפט.
שׂרידים פון תאווה און טרוימען
פון אַ צעריסן לעבן.

***

אונטער מאַן־משא ביסט נאָכגיביק און ווייליק.
אין אויסשפּרייטו פון דיינע נעצן — זינדיק־שפּיליק —
שטאַרקער ביסטו פון די ים־פערד־כוואַליעס,
וואָס פאַרשלינגען מאַטראָסן און זעגלען.

דו ביסט דער שוואַרצער פלאַם פון נאַכט
צום ליכט פון טאָג געבונדן. —
מיין דימענטענער חלום דיין ווייסטע מאַכט
באַהעלט. ער שניידט און היילט די וווּנדן.

## ווי קען איך דיך פאַרגעסן

ווי קען איך דיך פאַרגעסן —
תמצית מיינער פון מעת-לעתן?

פון טאָג און נאַכט דו ביסט די שרויף,
וואָס דרייט אַריין די אויגן-קנויטן
מיר — און דרייסט צוריק זיי אויף.

גיי איך מיט דער זייט פון זון —
ווערסטו גלייך מיין שאָטן
און יאָגסט ווי אַ קיל ווינטל אָן
איף אַ באַנק אין גאָרטן.

ביים ים — אַ גאָלדיק-ריינע כוואַליע.
שטורעם און ווייכקייט אין מיין ראיה —
דיין שיינקייט ווידער מיר נתגלה
ווערט. ביקיני נאַקעט אָפּ דיין צניעות.

הער איך טריטלעך יונגע, שטייפֿע,
טאַקטן פֿערטלדיקע, האַלבע.
טאַנצט דאָס בלוט אַרויף צו שלייפֿן,
קאָפּ — אַ נעסט פֿון קראַנקע שוואַלבן.

*

ביסטו עס, מיידל נאָענט-ווייטע?
וויל איך און איך וואַג ניט פֿרעגן.
ניין. נישטאָ דיינס גלייכן. נישטאָ אַ צווייטע
זאָל נאָכגיין מיר אויף אַלע וועגן.

## צום קינד

קינד!
פולע בעכערס ווײַן אין מײַנע הענט.
פול מיט ריחות דײַנע איז די שטוב —
און כ׳קאָן דערמיט
מײַן ליבשאַפט ניט
צו דיר פאַרשטילן,
ווי ס׳קאָן אַ גרוב
אַ לײדיקע
מיט אויסקאָפּ פון זיך אַלײן —
צוריק זיך ניט פאַרפילן.

קינד!
שטאַרקער גראָב אין מיר דײַן פנים.
דו — דער עמער.
איך — אַ ברונעם.
צי אַרויס אַ ליד — אַ שטערן
און צעצינד:
„ליכט זאָל ווערן".

ס׳טריטלט אָפּ דער טאָג.
די שלײפן — גרויער.
נאָר ס׳אַרט מיך נישט,
ווי ס׳אַרט דעם ציפּרעס נישט דער מדבר.
קאָפּ צעגרינט, כאָטש שטויביק איז דער הולך.
שטײ איך — דײַן געברענגער.

נישט מיד ווער
פון זינגען;

שטאַרקער גראָב אין מיר דיין פּנים
דו — דער עמער.
איך — דער ברונעם.
קינד,
צי אַרויס אַ ליד — אַ שטערן,
און צעצינד:
„ליכט זאָל ווערן."

## אַזוי האָב איך געחלומט דיך

אַזוי האָב איך געחלומט דיך איידער דיין געבוירן:
אין ממשע, אין מענטשלעכע ליניעס און מאָסן.
לויב איך, בענטש זיין ווירקלעכקייט, כוח אומגעהויערן
פאַר סובסטאַנץ באַטאָמטער, מיט פורעם אָנגעגאָסן.

פאַרוואָס־זשע ברענט דער פחד אויס מיין פרייד —
אַן אינדזעלע אַ גרינס אין ים פון שטיין און שטויב.
ווי אַ שאָטן לאַנגער האָט ביי האַנט ער גייט
מיט זון, וואָס טריפט מיט קאַרגשאַפט אין מיין שויב.

קינד! ווייזערס אויף ציפערבלאַטס געמעקטע צייכנס.
איבער פעלד פאַרשרפהטן — אַ יונגער מאָרגנשפריי.
אָדלער־פליגל וווּנדיקע, געגנידערטע פון הייכן —
דו גיסט מיט היילונג און מיט בלויקייט אָן אויף ס׳ניי.

*

אין פעדערן פאַרפוצט די סאָווע איז און אויך — די פאַווע.
די זון זי טראָגט דאָס ליכט און אויך — פאַרלענד.
ביי דער זייט פון קינד — אורשטראָם פון מיין לעבנסלאַווע
שפּאַנט דער פחד־ריז מיט טויטנקאָפּ אין האַנט.

***

ווי ס'נעמט אַרום די ערד אַ קערנדל, וואַרעמט אוים עס,
ס'וואַקסט דערפון אַרוים אַ זאַנג, אַ בוים — שיין און הויך,
אַזוי צו דיר מיין ליבשאַפט, גאַרונג, גרוים איז
זינט דער שפּירונג פון דיין וואַקסן אין דער מאַמעס בויך.

נאָרמעס איבערמאָסיקע פון גדולה גרויסער —
מקור פון מיין גלויבן אין כח דעם געהיימען.
ער פורעמט די מעת-לעתן איבער: יעדע שעה — אַ כוסה
און גיסט און מישט דעם וויין פון גליק — מיט אימה.

דאָ ווו זון פאַראַן איז — זעט מען אויך רואינע.
און ס'פאַלט אָפט אַ טרער אַ הייסע — אויכעט פון נצחון.
גאַנצערהייט דאָס גוטע לאָזט זיך נישט פאַרגינען.
גאַנץ איז נאָר דאָס האַרץ מיינס, ווען עס איז צעבראָכן.

# פרייד

פרייד. גדולה.
בעכערס פולע
בראשית-ליכט.

פאַר וואָס איז שפּליטער געטלעכער
אין אייגעלעך גלאַנציקע דיינע
שטערבלעך?

ווי צו מיין ליבשאַפט. געדייען
זי וועט אויך נאָך לייגן שערבלעך
אויף אויגן מיינע.

גדולה. פרייד שוימיקע
מיט ריחות יונגע פון מירע און נאַרד.
הינטער אייערע ווייסע, ווייכע ציין —
פינצטערניש האַרטע, תהומיקע.

ווי צום האַרץ, וואָס ליבט און גאַרט.
נאָכן אָפּקלאַפּן די קאַלענדאַרע צייט
און בלייבן שטיין —
זיין, זיין, זיין
מיט מיר דו וועסט
אויף יענער זייט.

פרייד. גדולה.
די ליכט־מאָס פולע
שרעקט מיך.
שטעקט מיך
אָן מיט פחדים.
הינטער איר שפּרייט
זיך שאָטן אימהדיקער, לאַנגער, דינער —
דער נישט־פאַרגינער.

## צייניקע ליבשאַפט

צייניקע ליבשאַפט,
וואָס בייסטו דאָס פלייש פון
מיין קלערן. —
עס וויינט אין דער שטיל.

אַ וואָרעם טאָטשעט אין שאַרבן
כסדר. מיין בלוט אים הערט נישט אויף צו נערן.
ער איז מיך גובר —
איך פיל,
ווי אומעטיק עס ווערט אַ יעדער אבר.

דאָס גיין
וויל נישט טראָגן מער די פיס.
די זון בלייבט שטיין —
אַ טונקל־רויטער פלעק.
אָט איז זי
אין מיר
אַריין.
אָ, ווי שיין איז אַצינד דאָס שטאַרבן.

מיין ליבשאַפט צו דיר
איז אַ וואָרעם.
אַ וואָרעם אויף די קעסטט
פון לעבן. זיצט און צעפרעסט
מיין געטלעכע פאָרעם.

## צום קינד

קראַנק בין איך פון ליבשאַפט,
קינד,
לעצטער אויפהעל
אויף שוועל
פון נאַכט דער לאַנגער.

קינד!
אַ זון ביסטו. וואַרעמסט
און פלאַקערסט — אַן אידעאַל.
מיט שטראַליקן דערבאַרעם
באַפליגלסט דו
מיין ווערטער־אַרסענאַל.

זיי צינדן זיך ווי לעמפּעלעך און רופן
איבער זיך מיטן ליכט־בליץ פון די שטערן,
די נשמות פון די ווערטער זיך פאַרגופן.
פון גוף דעם שוואַכן
זיי דערהאַלטן דאָס געווערן.

✶

קינד!
קראַנק פון צופיל ליבשאַפט בין איך.
נאָר די ליבשאפט דיינע זי קאָן היילן.
וואָס פאַרלוירן כ׳האָב — אין דיר געפין איך.
דו פאַרברידערסט מיר די צעקריגטע טיילן.

## בית־יולדות

פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת
חזרט איבער זיך דער נס
פון בראשית.

דאָ קומען זיי, די דורות.
פון אַלע וועלטווינקלען,
פון שטויבן.
דורך וואָלקנוויי,
געשריי —
קומען דאָ און לייכטן אויף.

דאָ בינדט מען אויף
פון אָנהייבן, סופן אַלע קנופּן:
די „גאָלדענע מיטנס” פון פאָלוסן צוויי.

אַלע מאָרגנס וויינען דאָ.
חלומען אַראָפּ פון ווייסע, גוטע ווענט.
אין אַ ווייסן פאַרטעך,
מיט שוועסטערהענט
גייט ווער אַרום — —
נאָפלט אָפּ ,
גאָטס גאָב.

דאָ אָטעמט די באַשאַפונג
מיט גאַנג דעם בלוטיקן פון דורות.
איבער לייב צעפּיבערטן
פלאַטערט אום איר גייסט:
אַ קוש
און ס'צערטלט שוין דער מאַמעס אויער —
אַ געוויין פון טרייסט.

---

אַזוי קומען זיי.
פאַלן אויף דער וועלט, ווי בליצן.
קריצן
אין טאָג, אין ליכטיקן זיך איין,
מיט נביאישן געוויין.

## צו איינער

אַ בוים ביסטו אַן אויסגעטריקנטער מיט דאַרע צווייגן.
ווי פון צוויט פאַרוויאַנעטן אַ ריח שפּאַרט פון דיינע געפּעסן.
נאַקעט, ווי דער אמת שטיי איך נעבן דיר. דאָס שווייגן —
אַ וואָרעם אין האַלץ עסט דעם לאַנגווייל פון מעת־לעתן

דיין פּנים — אַ הויט פאַרציט אַן אויסגענאָגטע, מאַטע.
שטערן, האַלדז — אַ קאָרע פון האַקשניטן פאַרוואַקסן.
צו בליקן דיינע ווייכע, וואַרעמע — גוטגעהייצטע כאַטע —
געבראָכענע, פון יאָרן מידע, זיך טוליען מיינע אַקסלען.

איינגעשרומפּן, מאָגער און נעבעכדיק דיין מראה.
בליט אין דיר אַצינד דער גנאָד און חסד — אַ מימאָזע:
פון סאָקן מאַמעשע וואַקסן קינדער — סאַסנעס. אַ וואַרע
מאַכט אין זיי דיין שיינקייט זיך, דיין יונגע העזה.

הענגסטו אין מיינע אַפּלען איצט — אַ פידעלע אויף וואַנט.
טענער זים צעטרערנטע פון סטרונעס הינטער בויגן
מיט שטורעם איינגעהאַלטענעם גיסט אונטער זיך מיין האַנט
און ס׳פּליצט די פרייד אַריבער הערצער, גלאַנצט אַרום פון
אויגן.

— — — — — — — — — — — — —

אַ בוים ביסטו אַן אויסגעטריקנטער מיט דאַרע צווייגן.
נאַקעט, ווי דער אמת איז אַצינד די ליבשאַפט און — דאָס
שווייגן.

# ליד און גורל

# ליד

יעדער ליד, ווי אַ מענטש, האָט זיין גורל.
יעדער ליד, ווי אַ לעבן — זיין ניגון.
אַ ליד, ווי אַ שטערן, טראָגט ליכט:
פאַרנעפּלט, צי בלענדיק —
שטענדיק
פון קאָסמישן ווילן געשליפן.
אַ ליד — אַ טרער.
דאָרט שטראַלן זיך איבער די הייכן און טיפן.
פאַר קלאָרקייט און טונקל — אַ שפּיגל,
פאַר פרייד און פאַר אומפרייד — אַ זיגל.
אָן אָנהייב — פאַר קרייזיקן גאַנג
פון וועלטס אָנהייבן, סופן.

יעדער ליד האָט זיין ניגון.
זיין ניגון — זיין גורל.
אַ ליד — אַ פייל:
נישט יעדער האָט ס׳מזל צו טרעפן.

## אַ מוראַשקע

וואָס בין איך מער
פֿון אַ מוראַשקע אַ בידנער?
ס׳טראָגט דאָס גאַנצע הימלבלוי
אויף אַ פֿליגעלע,
אויף רוקנדל
אַ שטרוי
פֿאַר קינד אין וויגעלע.
אַמאָל אויך אַ שטרענדל
שטאָט אַ קערנדל
שפּייז —
צו באַפֿינקלען אונטערערדישע פּאַלאַצן.
גיי וויים,
אַז אַ פֿוס אַ בלינדער,
צי אַ זעעוודיקער שטעקן —
קאָן מיט אַ שאַר, אַ וויש
אַ גאַנצע שטאָט מיט מוראַשקעס אָפּמעקן?

## צוויי אָקסן אויף אַ וואָגן

צוויי אָקסן צו אַ שטאַנג געבונדן אויף אַ וואָגן
יוסטיק, ברוסטיק מיט אַ כּח צו צעשטויסן
דעם וואָגן און דעם פּורמאַן, צעטומלטע, דערשלאָגן
שטייען, שטומען, גלייכגילטיק צום דרויסן,
וואָס שיט מיט פּייער. ווי אין די גאָבעלינען
בוים און בלאַט גיבן זיך קיין ריר נישט.
עס שטייט דער מיטנטאָג. טוט אויכעט קיין פּרוביר ניט
אַ טרייסל טאָן פון זיך די פוילע קלעפּיקייט, וואָס טראָגט
זיך אין דער לופטן פון זון דער מאַטער — צעגאָסענער חלב.

גאַווער־פּעדים פון די מיילער. פון די אויגן נעצן, רינען
טרערן? צי אַ שוויים אַן אָקסישער: אַזאַ מין אנגסט.
עס שטיקט אין האַלדז. ווי אַ מעסער שטומפּיקער, אַ חלף
וואָלט געשניטן די גרגרת. קניען זעצן זיך. עס שלאָגט
דורך אויגנהייטלעך, פון שרעק צעצויגענע, זיך דורך אַ מראה;
אַ נאַקעט פעלד. ווענט טונקל־טויבע... און אַ געבלאַנק
אַ בלענדיק־בליציק־שאַרפער... און אַ שוואַרצע כמאַרע.

✶

צוויי אָקסן צו אַ שטאַנג געבונדן אויף אַ וואָגן
שטייען, שטוינען, מעלה-גירהן און נשתומים דרייען
מיט די קעפּ; צו וואָס דאָס טראַסקעניש, אַרויסיאָגן
די קישקעס, אַזאַ געטרייסל און געהוידע? נ׳איילעניש ס׳גייען
אויף צוריק די הייזער.ביימער רוקן זיך אַוועק. מיט זיי —
דער טאָג, די זון — אַ פּורפּור-רויטער קנויל — אַראָפּ, אַראָפּ
זיך קייקלט. ווייס זי דען, אַז באַלד וועט ליגן אויך איר קאָפּ
אַן אָפּגעשניטענער אין אַ הייסער לוזשע רויטלעכן געשפּריי?

## אַ חלום.

אין דרויסן איז אַ רעגן געהאָנגען
אַזוי ווי אַ טרער אין אויג פון אַ קינד.
דער הימל — אַ לייוונט אויף לופטיקע שטאַנגען.
די זון, וואָס האָט אָקאָרשט חמסינט,
שלאָגט דורך אַ וואָלקן אַרוים — אַ שמייכל אין חלום
אַ וואָלקן? צי פלאַך פון אַ ריזיקן פיש (גיי מאָל אים
באַשופּנט מיט כמאַרעלעך וואַסערדיק העלע.
אַ פיש, צי אַ באַרג מיט שנייאיקע היגלען?
אָ, פלא
פלאים. אויף איינעם פון זיי —
אַ באַלוואַן פון שניי.
איך הער דאָס גלעקל פון קלאַס,
פריילעכער גאַנג פון חברה אין גאַס.
איך — אין דער מיט.
אַ ריח פון טרוקענע צווייגן,
פראָסטיקער צוויט,
אַ שנייעלע שיט, שיט — — —
— — אַ טראָפּן האָט אַ סמאַליע געטאָן מיר אין פנים.

אַ צווייטער, אַ צענטער:
זוניקע שנירעלעך,
שנירלען זיך,
שטראָמען.
פינקלען אויף און צערינען.
צוזאַמען מיט זיי —
מיין חלום פון שניי.

# בעטהאָווען

דיינע פינגער באַרירן דאָס האַרץ פון גאָט.
דיינע יסורים פלאַקערן מיט ליבשאַפט,
וואָס צעשטויבט בערג מיט בראָך
אָנגעיאָגט פון צייט.

איך ווער צוריק זאַמד,
איך ווער צוריק געזאַנג
פון תוהו.

דו האָסט אין מענטש געדענקט.
דו האָסט צום מענטש געבענקט
איידער דיין ווערן,
בעטהאָווען.

ער האָט אַרויסגעשטראַלט צו דיר פון רהיין
דער מענטש מיט זיין
סוד פון גוטס:

אַריינגעשעפּטשעט דיר אין קראַנקע אויערן.
אין דיין אויג פאַרנעפּלטן — אַריינגעגאָסן ליכט.
און דו — קלאַנגען־פּראָמעטעוס,
אַ געבונדענער צום צער פון דער ערד,
מיט פינגער לופטיקע,
דופטיקע,
האָסט שטיקער שיין געריסן
און מענטש גענערט.

דיין „בע־מאָל־מינאָר" צו באָנאַפּאַרטע
פֿאַרנייגט דו האָסט
בשעת דאָס גאָלד פֿון פֿרייהייט אויסגעשמאָלצן האָט ער
אויף אַ טראָן
און די קרוין
דערקייקלט צו די פֿיס פֿון סענט־העלענאַ:
— גבורה אמתע איז גוטס, איז טרייסט —
אַ שאַל געטאָן דו האָסט מיט פֿייערדיקע טענער.

***

דו ביסט, ווי איקאַרוס, פֿון הימל געשיקט:
ראוי אויף רחמים, אויף כּבוד און גנאָד.
דיינע פֿינגער צערייסן דאָס האַרץ,
דאָס פֿאַרזיגלטע
פֿון גאָט —
בעטהאָווען.

# צוריק צו איידער דעם ווערן

## ביים טאַטנס טויטנבעט

ער ליגט מיט הענט פֿאַרוואָרפֿן אין דער ברייט.
די באַקן איינגעפֿאַלן. די קינען — אויסגעבולט, האַרט.
הינטער שייבלעך אויסגעקאַלכטע קוקן ערגעץ ווייט
אויגן פֿון אַ פֿיש אויף זאַמד, קאַלט־פֿאַרשטאַרט.

עס וואַקסט דער שלאָף אין אים אַלץ טיפֿער —
אַ גראָז אַ מאָכיק־גרינער אַרום שטיין.
מיט ליפּן אויסגעקרימטע העראָגליפֿט ער
פּראַגעצייכנס אינעם חלל. ווער קאָן פֿאַרשטיין?

פֿאַרטויבטע שוויגן ווענט די ווייסע, ס׳ווייסע
קישן הינטער שווערן קאָפּ, ווייסע באָרד אין גליווער.
טויטלעך־בלאַסע ליכטער פֿון די שטערן רייסן
זיך דורך פֿענצטער. פּנים אין אַ פֿאַרמעט בייט זיך איבער.

הימל שרייבט... גרויסער בער שפּיצט אָן די אויערן
צום אויסהויך לעצטן — שוואַלבנפֿלאַטער — קראַנקער, מידער.
ערב טאָג. אין דער־אָ שעה עפּעגען זיך טויערן
פֿון מוטערטראַכטן. דו ווערסט געבוירן ווידער.

## באַלד

א

באַלד, באַלד וועט אַ סוף נעמען
צום ספּעקטאַקל.
ער קומט. ער וועט אַראָפּנעמען
די מאַסקע. אָן צערעמאָניע
לאָזן מיך מיט פּנים
און מיט זייט־זשע־מוחל נאַקעטן
אויף טהרה־ברעט —
סך הכל .

אין מיין פלייש־געוועב און נערוון
געוועלטיקט ער פון לאַנג במילא.
ער ציט דעם גייסט צו הימלישע געוועלבן
צוריק אַרויס פון גוף — די שברי־כלי?

הענגט אַ הויטגעשפּריי אויף ביינער.
אַ נעפּל אַ געדיכטער איז די ראיה.
עלטער ווינטשט זיך טאַקע יעדער איינער,
נאָר איך האָב יונג זיין נישט געהאַט די זכיה.

ב

קילע ווינטלעך יאָגן אָן מיט שוידער
זיסן פון אַ וועלט מיט חסד און מיט יראה.
קוים האַלט עס ביי געבוירן ווערן ווידער
זיי מוחל, נעם אַרויס מיך פון דער ספירה.

באַלד, באַלד וועט אַ סוף נעמען
צום ספּעקטאַקל.
אַ גוטע נאַכט.
ס'טונקלט הינטער ברעמען.
הימל — אַ טעלער,
פאַרצמצומט העלער
שטח ליכט:
שערבלעך — סך־הכל.

ג

ס'גייט דער טויט אַרוים דורך אָפן טויל
און ס'ליגט
דער בר־מינן
מיט הענט צעעפנטע; נאַט, זעט
כ'נעם גאַרניט מיט.

ער ליגט דערווייל אין בעט.
באַלד וועלן לעבעדיקע טראָגן
אים אויף אַקסלען.
מיט לוויה־טריט נאָכגיין וועט
אַ וואָגן
מיט טרויער.
מיט באַקלאָגן
נייעם שכן־עפר.

אַראָפּלאָזן דעם ארון
נידעריקער פון דער ערד,
אין טויער
אָפענעם,
טיפן.

פון יענער זייט
וועט שטילקייט יובלען: —
אבלען
וועט מען דאָ און שליסן
ס'מלכות ס'לופטיקע מיט געוויין
און מיט אַ שטיין.

ד

נישט פאַרן מלאך המוות האָב איך מורא.
דער פּחד איז, ווי וועט ער זיך מטפּל
זיין מיט מיר. נעמסטו דאָס לעבן — אַ „סחורה
עובר לסוחר”, לעשט ער מיט קוש דיר ס׳ליכט פון שוואַרצאַפּל.

איז עס אַ פּלאָנטער אַ ווּיסטער: וועגן צעצווייטע
און קרומע: גייען און פאַלן, קריכן אויף לופטיקן לייטער
פון חלום. — קומט ער שטאַפּל נאָך שטאַפּל, מיט ווייטיק
און ספק, ווי ס׳דאָזיין — שווער און אומצייטיק.

ווי אַ רינג אין אַ רינג איז איינס אינעם צווייטן געשלאָסן.
טויט איז פון לעבן דער המשך, ווי שׂנאה פון ליבע—
ביידע געווערן דאָ אונטן. וועדליק דער וואָג, מעשׂים און מאָסן
ער פירט דיך צוריק אויף יענער זייט קיום אַריבער.

— — — — — — — — — — — —

אויך יענע זייט איז נישט אַ יעדן די רו און שלווה מעניק:
אין דיר, אדם, איז דער גן־עדן — אויב איז ער פאַראַניק.

## דאָס גאַסנמיידל

מען זעט זי נישט דאָס מיידל מער
אַלע אין דער פרי:
נישט אויפן ראָג, נישט אין גאָרטן אויף דער באַנק.
אפשר אין דער היים?
אין געהיים
טוט זי תפילה;
ביז דין זון וועט שלאָפן גיין מיט „גרויסן בער",
עפעס גוטס טאָן, גאָטעניו, באַשער מיר,
באַשער.

## ליד פון באָהעם

הויך דעם קאָפּ פון ווינט געצוואָגן
מיט אַ האַרין — אַ שיף — געיאָגט, געטראָגן,
כ׳בלאָנקע — אַן אויסגעשפּאַנטער פערד פון וואָגן
אויפן פעלד פון לעבן. וואָס איך זאָגן?

מה נאמר און מה נדבר?
נישט קיין פריינד און נישט קיין חבר.
יענער ליבט — איך קוק און גאַוווער.
וואָס מיר שמעקט — ביי יענעם איז עס אוויר.

כ׳שפּיר, ווי אַלץ גייט אָפּ, פאַרשווענקט.
מיין טאָג — אַ קאַרצער: שמאָל און ענג.
פרילינג גיי איך אום פאַרבענקט.
ווינטער — ביי דעם פלעשל אין דער שענק.

ווי זונות ווינקען צו מיר נעכט.
טומאה מיט דער תורה אין געפעכט,
ווי אין אַמפּיטעאַטערס — לייב און קנעכט.
מענטש און חיה. די בחירה ווערט פאַרשוועכט.

נאָר די זומערנאַכט לופטיק און בלוי
מיט אָרעמס מאַמעשע, ווייך און לוי,
נעמט אַרום מיך. גלעט און זאָגט אַזוי
ווי צו אַ קינד: אַ זכות צו זיין דאָס גנאַי

פון מענטשנוואַלד. צוגעטיילט דיר די יסורים
האָט גאָט אַליין. אַ ליכטנדיקער טורעם —
איז דיין גייסט, דיין ניגון — מאָס און פּאָרעם,
אינעם חשכות. ס'מושלט שרץ, קראָט און ווארעם.
— — — — — — — — — — —
מה נאמר און מה נדבר?
נישט קיין פריינד און נישט קיין חבר.
פרילינג — אַ ציגיינער. כ'גיי און זינג.
ווינטער — ביי דעם פלעשל דרימל איין און זינק.

## לעצטער וועג

א

מירמלשטיין אין גרוי, אין ווייס — הייזקעס ליליפוטיקע
מיט דער ווירע וואַקסן דאָ לויט סדר
טויטלעך־שטרענגן, ריי נאָך ריי —
אַ שיכון אַזאַ פּאַר עולים נייע.
יונגער אויסקאָפּ אָטעמט פריש אָפּ עלעהיי
גייסט יענוועלטיקער קומט און איז מחייה
שוכן עפר. און ס'זאַפּט דאָס טרערנפעלד כסדר
איין די שטילע טריט פון די באַגלייטער
און דאָס פאַרטראַכטע, הויכע שווייגן.

אויף אל מלא רחמימדיקן לייטער,
לופטיקן, עולה רגל זענען פחדים —
אַ געבעט אַזאַ צום לעבן הייסן, וואָס אין שטייגן
האַלט עס, ציט דעם גאָלדיק־דינעם פאָדעם
פון אויסגעשריי דעם ערשטן ביזן קאַלטן שלאָפן
נידעריקער פון דער ערד און — — —
ביז די הויכע, וואַכיקע אינסופן.

ב

צום ליכט פון טאָג עם רעדן, גוגערן
קינדער אין די וויגן. דער זונבאַלעם איז גרוים.
צווישן וואָר און חלום קרייזט ער.
זונבאַלעם צי ברויט, ביז צום פּענעץ מאָגערן,
לעצטן, לאַנג און ווייט דער וועג איז.
ווער איך מיט אַ יעדן טאָג אויפסניי געבוירן.
אַ קינד מיט לעבנס-הונגער זשעדנעם פון אַ גרייז,
וואָס דעם אָנהייב און דעם סוף פון זאַכן ווייסט ער.

# שלום

נישט פֿאַר מיינע טעג די אָפּגעבליטע —
ביימער אויסגערוישטע, אָפּגעבלעטערט —
פֿאַר קינד אין וויגעלע, פֿאַר רויגן אויסגעבריטע
אין די מוטער־לייבער, פֿאַר די וואָס אינעם עטער,
אינעם מאַרך פֿון ביין, אינעם פֿלייש פֿון חלום,
פֿאַר מאַמע ערד אין כּסדרדיקן שוואַנגער —
איך באַדאַרף אַצינד דעם שלום

נישט פֿאַר מיינע יאָרן צוגעציילטע,
אויסגעטאָן פֿון חפֿץ, סוד און נייגער;
פֿאַר שמייכל פֿונעם שוואַכן, אויסגעהיילטן,
וואָס געטראָפֿן האָט אַ קויל אים;
פֿאַר יתום און זיין מאַמען, ווי דער שטייגער,
פֿון טויט פֿאַרמיטענע נאָך אַ מלחמה —
איך באַדאַרף אַצינד דעם שלום.

נישט פֿאַר מיינע שעהן לעצטע און מינוטן
מיט ליבשאַפֿט און יסורים — לאָגלען פֿולע.
פֿאַר אַנגסט און שוויים, פֿאַר אויפֿזאַט אין די בלוטן,
פֿאַר שלווה צוגערויבטער פֿון טויבע, דולע
אויפֿריים־שאָסן: פֿאַר אויפֿשפּראָץ פֿונעם טאָג
דעם נייעם, דעם גרויסן — גיי מאָל אים —
איך באַדאַרף אַצינד דעם שלום.

# אינהאַלט

## דאָ גייט אויף די זון


דאָ גייט אויף די זון . . . . . . . . 7
הפקר־שטח . . . . . . . . . 8
ערב טאָגיק . . . . . . . . . 10
יום העצמאות . . . . . . . . 12
דאָ אַ רעגן . . . . . . . . . 14
יום־כיפור תשל״ד . . . . . . . 16
זיי זענען געלאָפן און געברענט . . . . . . 18
טעג . . . . . . . . . . 20
איך רעד צו אייך . . . . . . . . 22
נתן אַלבאַז . . . . . . . . . 24
ימים נוראים . . . . . . . . . 26
מיין טאַטנס נדר . . . . . . . . 28
עולים . . . . . . . . . . 29
אין פייער . . . . . . . . . 31
דער מילך־ייד . . . . . . . . 34
ווערטער־טויבן . . . . . . . . 36
ווען איך הער די סירענעס . . . . . . 38
ירושלים . . . . . . . . . . 40


## אור־שיינקייט


צו גאַסט ביי דיינע ברעגן . . . . . . . 44
עס אָטעמט דער ים . . . . . . . . 51
מיטנטאָג . . . . . . . . . . 52
* * * . . . . . . . . . . . 53
די קרוין . . . . . . . . . . 54
פליגל . . . . . . . . . . 56
פרייהייט . . . . . . . . . . 57
וויַיל . . . . . . . . . . 59
שטילקייט . . . . . . . . . . 60
איך שווים . . . . . . . . . . 61


## ליבשאַפט


אויפגעגאַנגען . . . . . . . . . 65
קום . . . . . . . . . . . 66
וואָלט איך צייט געהאַט . . . . . . . 68
לאַנג האָב איך צו דיר געברענט . . . . . . 69

כ׳האָב געוווסט . . . . . . . . . . 70
כ׳האָב געמיינט . . . . . . . . . . 76
אירע ריידט . . . . . . . . . . 77
איך האָב צו איר גערעדט . . . . . . . . 78
עפּעס טראָגסט אין זיך פאַרהוילנס . . . . . . 79
ווייסט עס אַוודאי . . . . . . . . . . 80
דערמאָנט דיין נאָמען . . . . . . . . . 81
דו ביסט . . . . . . . . . . 82
כ׳האָב גאָרנישט מער אַצינדערט צו דערוואַרטן . . 83
ווער . . . . . . . . . . . 84
לאַנג . . . . . . . . . . . 85
שפּעט . . . . . . . . . . . 86
פון וואַנען . . . . . . . . . . 87
קלוג זענען נישט געוועזן דיינע ריידט . . . . 88
באַזעצט האָסטו זיך . . . . . . . . 89
ווי קאָן איך דיך פאַרגעסן . . . . . . . 90
צום קינד . . . . . . . . . . 92
אַזוי האָב איך דיך געחלומט . . . . . . . 94
* * * . . . . . . . . . . 95
פריידּ . . . . . . . . . . 96
צייניקע ליבשאַפט . . . . . . . . . 98
קינד . . . . . . . . . . . 99
בית־יולדות . . . . . . . . . . 100
צו איינער . . . . . . . . . . 102

## ליד און גורל

ליד און גורל . . . . . . . . . . 105
אַ מוראַשקע . . . . . . . . . . 106
צוויי אָקסן אויף אַ וואָגן . . . . . . . 107
אַ חלום . . . . . . . . . . 109
בעטהאָווען . . . . . . . . . . 111

## צוריק צו איידער דעם ווערן

ביים טאַטנס טויטנבעט . . . . . . . 115
באַלד . . . . . . . . . . . 116
דאָס גאַסנמיידל . . . . . . . . . 120
ליד פון באָהעם . . . . . . . . . 121
לעצטער וועג . . . . . . . . . . 123
שלום . . . . . . . . . . . 125

## פון זעלבן מחבר:

**זיין**, לידער. מינכען, „פרייהייט״, 1948.

**ברויט**, ראָמאַן. תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1960.

**זאַמד**, ראָמאַן. תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1963

**גורלות**, ראָמאַן. תל־אביב, „המנורה״, 1967.

**יאָרן**, ראָמאַן. תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1973.